# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ראה

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטלעך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

מכון באר האמונה

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת ראה


תפתח את ידך - די תכלית פון געבן צדקה איז, וויסן אז די געלט געהערט נישט צו דיר............ ד

לא תעשון כן - דינען דעם אויבערשטן, נישט זיך אליין........................................ ח

כי ברך יברכך ה' - די שפע וואָס ווערט נשפע פון מצוות צדקה........................... י

אנכי מצוך לאמור - צדקה מיט אַ גוט וואָרט פאַר יענעם............................. יד

ראה אנכי נותן לפניכם היום - שבת מברכים אלול................................... טז


**ספה"ק בת עין**

**רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וְגוֹ' זעה און טראכט אריין איך געב פאר אייך היינט א בענטשונג [און א שעלטונג].**

... **גַּם לְפָרֵשׁ מִלַּת 'אָנֹכִי'** אויך דארף מען פארשטיין די ווארט 'אנכי'. **גַּם לְפָרֵשׁ מַה שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל** (תענית ט.) **עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר** אויך דארף מען פארשטיין וואס חז"ל האבן גע'דרשנ'ט אויף די פסוק אין די וואכענדיגע סדרה 'עשר תעשר' דרש'ענען זיי עַשֵּׂר 'גיב מעשר' כדי בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר 'דו זאלסט רייך ווערן'.

... **אָמְנָם צָרִיךְ לְהָבִין מַאי מְעַלְּיוּתָא בְּקִיבּוּל שָׂכָר בָּעוֹלָם הַזֶּה עַל דִּיבּוּר 'אָנֹכִי'** אבער אונז דארפן פארשטיין וואס איז די אויפטוה פון באקומען די שכר אין עולם הזה אויף די דיבור פון 'אנכי', **הֲלֹא מַה טּוֹב לְקַבֵּל הַשָּׂכָר בָּעוֹלָם הַבָּא** ס'איז דאך אסאך בעסער צו באקומען שכר אין עולם הבא, **עוֹלָם הַקַּיָּים** וואס יענע וועלט איז דאך א 'וועלט וואס שטייט פאר אייביג', **וְלֹא בָּעוֹלָם הָעוֹבֵר** און נישט אויף די וועלט וואס גייט אריבער. **רַק הָעִנְיָן הוּא שֶׁצְּרִיכִים דֵּעָה מְיוּשֶּׁבֶת לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** נאר די זאך איז אז מען דארף א רוהיגע געוויסן צו קענען דינען דעם באשעפער, **וְצָרִיךְ עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה קִיבּוּל שָׂכָר בָּעוֹלָם הַזֶּה** און מען דארף כאטש באקומען עפעס שכר אויף די וועלט, **כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לוֹ דֵּעָה מְיוּשֶּׁבֶת לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** כדי ער זאל האבן א רוהיגע און אויסגערוהטע געוויסן צו דינען דעם באשעפער.

**וְעַל זֶה רָמְזוּ חֲזַ"ל בְּאָמְרָם עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר** און אויף דעם גאנג האבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה מרמז געווען ווען זיי האבן געזאגט 'גיב מעשר כדי זאלסט רייך ווערן'. **שֶׁלִּכְאוֹרָה הוּא פֶּלֶא לְעַשֵּׂר עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס** ווייל לכאורה איז עס א פלא אז מען זאל מעשר'ן כדי צו באקומען שכר דערויף. **רַק שֶׁזֶּהוּ רַשַּׁאי שֶׁיִּרְצֶה הָאָדָם לְקַבֵּל פְּרָס שֶׁיִּתְעַשֵּׁר** נאר די ענטפער איז אז דאס איז מותר פאר א מענטש צו וועלן באקומען שכר אויף זיין מעשר'ן כדי ער זאל רייך ווערן, **בִּכְדֵי שֶׁיִּהְיֶה לוֹ רֶיוַח וְהַרְחָבַת הַלֵּב לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** ווייל דורך זיין רייך ווערן וועט ער האבן א רוהיגקייט און א ברייטע הארץ צו דינען דעם באשעפער.

... **וְזֶהוּ שֶׁנֶּאֱמַר 'רְאֵה אָנֹכִי' לְשׁוֹן יָחִיד** און פאר דעם שטייט אין פסוק 'ראה אנכי' א לשון יחיד. **פֵּירוּשׁ שֶׁהַקָּבָּ"ה מַזְהִיר לְכָל יָחִיד** דאס מיינט אז דער אייבישטער ווארנט אן יעדן איינציגן, **'רְאֵה' שֶׁתִּזָּהֵר בִּבְחִינַת 'אָנֹכִי'** זעה דו זאלסט אכטונג געבן אין די בחינה פון 'אנכי', **הַיְינוּ שֶׁלֹּא תָּסִיחַ דַּעְתְּךָ מִדִּבּוּר 'אָנֹכִי ה' אֱלֹהֶיךָ'** דאס מיינט דו זאלסט נישט אוועקנעמען דיין מחשבה פון די דיבור 'אנכי השם אלקיך', **שֶׁיִּהְיֶה תָּמִיד עָלֶיךָ עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם** ס'זאל שטענדיג זיין אויף דיר קבלת עול מלכות שמים. **וּבָזֶה יִהְיֶה לוֹ בְּחִינַת 'אָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר'** (בראשית יח, כז) און מיט דעם וועט דער מענטש האבן די בחינה פון ענוה וואס אברהם אבינו האט געזאגט (ווען נישט דעם באשעפער'ס רחמנות) איך וואלט געקענט זיין 'עפר ואפר' (שטויב און אש), **בְּחִינַת 'אָנֹכִי תוֹלַעַת וְלֹא אִישׁ'** (תהלים כב, ז) די בחינה וואס דוד המלך זאגט 'און איך בין ווי א ווארעם און נישט ווי א שטאקע מענטש', **שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲנָוָה** וואס דאס איז די בחינת ענוה. **וְעַל יְדֵי בְּחִינַת עֲנָוָה תַּמְשִׁיךְ עַל הָעוֹלָם 'הַיּוֹם בְּרָכָה'** און דורך די בחינה פון ענוה וועסטו ממשיך זיין אויף די וועלט וואס הייסט 'הַיּוֹם' - א ברכה, **עַל הָעוֹלָם הַזֶּה דַּוְקָא** 'אויף די וועלט' דווקא (און נישט ווארטן אויף יענע וועלט).

**'אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ' הַיְינוּ כְּדֵי שֶׁתּוּכַל לִשְׁמוֹעַ** די פסוק 'וואס איר וועט צוהערן' דאס מיינט כדי עטס אלטס קענען צוהערן, **וְלֹא נֶאֱמַר 'אִם' לְשׁוֹן תְּנַאי** און ס'שטייט נישט אין פסוק אִם וואס איז א לשון פון א תנאי. **כִּי עַל יְדֵי בְּחִינַת אָנֹכִי** ווייל דורך די בחינת 'אנכי', **בְּחִינַת שִׁפְלוּת הַנַּ"ל** וואס איז די אויבענדערמאנטע בחינה פון ענוה, **בְּוַדַּאי תוּכַל לִשְׁמוֹעַ אֶת כָּל הַמִּצְוֹת בְּלֵב וְדֵעָה מְיוּשֶּׁבֶת** וועטס עטס אוודאי קענען צוהערן אלע מצוות מיט א רוהיגע און באזעצענע הארץ און מוח... **(פרשת ראה ד"ה ראה אנכי נתן)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: א.י.ש. אשדוד

# פרשת ראה

**תפתח את ידך - די תכלית פון געבן צדקה איז, וויסן אז די געלט געהערט נישט צו דיר**

'**כי** יהיה בך אביון מאחד אחיך וגו' לא תאמץ את ידך ולא תקפוץ את ידך מאחיך האביון, כי פתוח תפתח את ידך לו וגו', השמר לך פן יהיה דבר עם לבבך בליעל וגו', נתון תתן לו ולא ירע לבבך בתתך לו' (טו ז-י).

**די** גמרא זאָגט (ב"ב י.) רבי יהושע בן קרחה האט געזאָגט, דער וואָס טוט זיך צוריקהאלטן פון געבן צדקה, איז גלייך ווי ער וואָלט געדינט עבודה זרה, ווייל דאָ זאָגט דער פסוק, 'השמר לך פן יהיה דבר עם לבבך בליעל', און אויף אַן אַנדער אָרט אין דער היינטיגער פרשה, זאָגט דער פסוק (יג, יד) 'יצאו אנשים בני בליעל'. פונקט אַזוי ווי דאָרט רעדט מען פון אַן 'עיר הנדחת', וואָס די גאַנצע שטאָט האָט געדינט עבודה זרה, אַזוי רעדט מען דאָ אויך וועגן עבודה זרה.

**פרעגן** די מפרשים, וואָס פאַר א שייכות האָט אַ מענטש וואָס טוט זיך צוריקהאַלטן פון געבן צדקה, צו איינעם וואָס דינט עבודה זרה? ענטפערן זיי, אַז דער יסוד פון מצות צדקה איז צו שטאַרקן די אמונה אין באַשעפער. און ממילא, איינער וואָס גיט נישט קיין צדקה, זוכט דאָך נישט צו האָבן אמונה אין דעם אויבערשטען, ממילא איז ער אַזוי ווי איינער וואָס דינט עבודה זרה ח"ו.

**אַזוי** זאָגט דער 'תורת חיים' (ב"ב י.), אַז דערפאַר ווייל צדקה איז אַן ענין פון קבלת עול מלכות שמים, דעריבער איז אויך דער טעם פון אַלעם וואָס דער מענטש דאַרף אָפּשיידן פון זיינע פאַרמעגנס, אַזוי ווי לקט, שכחה און פאה, ביכורים, תרומות און מעשרות, שמיטות און יובלות - דער טעם פון די אַלע מצוות איז, כדי דער מענטש זאָל וויסן און אַרויפלייגן אויף זיין האַרץ אַז 'לה' הארץ ומלואה'[א], און אַלעס וואָס

**א.** לויט דעם, זאָגט דער אָזשעראָווער רבי זצ"ל, אין זיין ספר 'באר משה', אַ רמז פאַר דעם מנהג ישראל צו געבן צדקה ווען מ'זאָגט די ווערטער 'ואתה מושל בכל' (תפילת שחרית, 'ויברך דוד', ווי עס שרייבט דער 'מגן אברהם' (או"ח סי' נא, סק"ז), ווייל באמת ווענדעט זיך איין זאַך אין צווייטן. **אויב דער מענטש שטאַרקט זיך מיט אמונה אַז 'ואתה מושל בכל' - דער אויבערשטער פירט די גאַנצע וועלט, טוט ער ממילא טיילן צדקה, ווייל ער ווייסט אַז דאָס איז נישט 'זיינס', נאָר דעם אויבערשטענ'ס.** פון דער אַנדערער זייט, מיט'ן געבן צדקה שטאַרקט ער זיין אמונה מיט אַ פעולה. ער טוט שטאַרקן זיינע אייגענע ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט ביים דאַווענען 'ואתה מושל בכל'...

הרה"ח רבי אברהם לוריא האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון הגה"צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ"ל פון ירושלים, וואָס ער האָט עס געהערט פונעם בעל העובדא, ער האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע, איבער זיין שווערן מצב אין פרנסה. האָט הרה"ק רבי ישעי'לע אים געראָטן ער זאָל אָנהייבן האַנדלען אַ נייעם מסחר, און ער האָט אים וואַרים אָנגעוואונטשן ער זאָל מצליח זיין אינעם נייעם געשעפט.

דער איד האָט טאַקע געזעהן די ברכה אין זיין נייעם מסחר, און ביז אַ קורצע צייט איז ער געוואָרן זייער רייך. צום יאָר, איז דער איד נאָך אַמאָל געקומען צו הרה"ק רבי ישעי'לע, און אים געדאַנקט פון טיפן האַרצן פאַר דעם רייכטום צו וועלכן ער האָט זוכה געווען אין זכות פון רבינ'ס ברכה. ער האָט אָבער צוגעגעבן: 'הייליגער רבי, איך האָב 'פלוצים' באַקומען אַסאַך נייע 'קרובים' און 'ידידים' - מענטשן וואָס איך האָב זיי קיינמאָל נישט געקענט, און אַלע מיינען נאָר איין זאַך - מיין געלט'... ווען הרה"ק רבי ישעי'לע זי"ע האָט געהערט די ווערטער פונעם איד'ס מויל, האָט ער זיך אָנגערופן צו אים:

- נו, אויב דו ווילסט נישט געבן, וועלן מיר זוכן אַנדערע אידן וואָס זענען יאָ וויליג צו טיילן געלט פאַר צדקה...

דער עושר האָט גוט פאַרשטאַנען דעם באַדייט דערפון, אַז ער וועט זיך אינגיכן געפינען מיט זיין פאַריאָריגער אָרימקייט, האָט ער אָנגעהויבן בעטן ביי רבי ישעי'לע, אַז ער זאָל נישט אַוועקנעמען פון אים דאָס עשירות. האָט רבי ישעי'לע אים געזאָגט:

פירט אויס דער 'תורת חיים': און דער וואָס פירט זיך נישט אַזוי, ווייל ער טראַכט ביי זיך אין האַרץ ער האָט איז נישט באמת זיינס[ב], און אַזוי וועט ער נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים.

---

**- פאַרוואָס דאַרף מען פרנסה, אויב נישט צו טיילן פאַר אידן?!**

דערנאָך האָט הרה"ק רבי ישעי'לע אים געזאָגט:

- כ'וועל וואַרפן אַ גורל צווישן די אידן פון שטאָט וואו דו וואוינסט, און איך וועל אַריינשרייבן אויך דיין נאָמען צווישן די נעמען. דער וואָס וועט געווינען דעם גורל, וועט זוכה זיין אין דעם רייכטום וואָס איך האָב גע'פועל'ט פאַר דיר. אויב דו מיינסט עס ערנסט מיט דיינע ווערטער אַז דו האָסט חרטה אויף דעם וואָס דו האָסט געזאָגט אַז דו קענסט נישט טיילן אַזוי פיל געלט, און דו וועסט נעמען אויף זיך פון היינט אָן, יאָ צו שטיצן די אָרימעלייט וואָס נויטיגן זיך אין דיין שטיצע, וועסטו אַרויסקומען דער געווינער און דאָס עשירות וועט בלייבן ביי דיר.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער איד האָט טאַקע געהאַט אמת'ע חרטה, און ער האָט גענומען אויף זיך מיט אַ פעסטע קבלה צו טיילן פון זיין געלט פאַר יעדן נצרך, און צום גרויסן וואונדער, איז זיין נאָמען טאַקע אַרויפגעקומען אינעם גורל. האָט רבי ישעי'לע אים געזאָגט:

- יעצט זע איך טאַקע, אַז דו האָסט געהאַט אמת'ע חרטה אויף דיינע ווערטער, און דו וועסט בלייבן מיט דיין רייכטום...

**ב.** הרה"ק ר' הערשעלע ליסקער זי"ע, מחבר פון הייליגן ספר 'אך פרי תבואה', איז אַמאָל געווען אונטערוועגנס מיט זיין זון. ביינאַכט האָבן זיי נישט געהאַט וואו צו נעכטיגן, זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַ שול און האָבן דאָרט עוסק געווען אין תורה און עבודת ה'. דער הונגער האָט זיי אָבער געשטערט פון לערנען און דאַווענען רואיג ווי געהעריג. פונקט דעמאָלס איז אין יענע שטאָט געווען אַ 'מקשה לילד'. האָט די מאמע פונעם ליסקער רב זי"ע זיך באַוויזן אין חלום צו דער מאמע פון יענע 'מקשה לילד', און איר געזאָגט: אויב דו ווילסט אַז דיין טאָכטער זאָל לעבן, גיי און גיב צען רובל (א מטבע וואָס מ'האָט גערופן אַ 'צענערל') צו מיין זון, וועלכער זיצט יעצט אין בית המדרש און לערנט, און אין דעם זכות וועט דיין טאָכטער באַלד געבוירן דאָס קינד אויף אַ לייכטן אופן.

איז די מאמע פון דער פרוי אַריבערגעגאַנגען אין בית המדרש און געגעבן פאַר דעם ליסקער רב אַ 'צענערל', און איר טאָכטער האָט טאַקע באַלד געבוירן אַ יונגעלע אין אַ מזל'דיגע שעה.

שפּעטער האָט דער ליסקער רב ז"ל געזאָגט צו זיין זון: אויב מיין מאַמע איז אַראָפּגעקומען פון גן עדן העליון צום עולם השפל כדי זיך צו באַוויזן אין חלום צו יענע פרוי, האָט זי דאָך איר געקענט באַפעלן צו געבן פאַר אונז אַ 'צוואַנציגער'. פאַרוואָס האָט זי איר געהייסן געבן פאַר אונז נאָר אַ צענערל? **נאָר וואָס דען, אַז דער אויבערשטער וויל אַ צענערל, גיט מען אַ צענערל...** די פּרנסה פונעם מענטש איז באַשטימט פאַר אים פון הימל. מ'קען נישט צולייגן אָדער אַראָפּנעמען דערפון אַפילו אַ פּרוטה. עס פּאַסירט גענוי וואָס דער אויבערשטער באַפעלט.

פון דעם קען יעדער איינער פון אונז זיך אַראָפּלערנען אַ שטאַרקן לימוד: עס פּאַסירט אַמאָל אַז דער מענטש מאַכט אַ גוט געשעפט, און ער באַקומט פון דעם קונה צען טויזנט אָדער צען מיליאָן דאָלאַר. וועט דער יצר הרע פּרובירן טענה'ן מיט אים, ער זאָל טראַכטן ביי זיך, 'אַ שאָד, אויב איך וואָלט געבעטן צוואַנציג, וואָלט איך באַקומען צוואַנציג. דאָס זעלבע איינער וואָס גייט אַרום נאָך צדקה ביי אַנדערע מענטשן, אויב ער האָט געבעטן צען און באַקומען צען, זאָל ער נישט טראַכטן ביי זיך, 'אויב איך וואָלט געבעטן צוואַנציג, וואָלט איך געקענט באַקומען צוואַנציג'... ווייל **אַז דער אויבערשטער וויל אַז דו זאָלסט באַקומען אַ צענער, וועסטו באַקומען אַ צענער...**

הרב אליהו ליווערט זצ"ל, וועלכער איז געווען אַ מקורב ביי דעם גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, האָט דערציילט וועגן זיינס אַ ידיד וואָס איז געווען גאָר רייך. זיין פאַרמעגן איז געווען אויסגעשפּרייט אויף אַסאַך ערטער. טייל זענען געווען אין 'ריעל עסטעיט', און אַן אַנדער טייל אין אויל-קוואַלן, א.ד.ג.

אין אַ טאָג האָט דער עושר געזאָגט צו רבי אליהו: 'דער אויבערשטער קען מיך נישט אויסליידיגן פון אַלע מיינע פאַרמעגנס, ווייל זיי זענען צעשפּרייט אין פאַרשידענע ערטער, און איך האָב פאַרשידענע סאָרטן געשעפטן. אויב ס'זאָל פאַלן די ווערט פון מיינע הייזער, וועט מיין אויל נאָך אַלץ באַטרעפן אַ ריזיגן פאַרמעגן', א.א.וו.

רבי אליהו האָט אים אָבער געוואָרנט ער זאָל זיך היטן נישט צו זאָגן אַזוי, ווייל ס'איז אַ 'גלגל החוזר בעולם'. אָבער דער גביר האָט, מיט זיין שטאָלץ, זיך פּשוט אויסגעלאַכט פון אים.

'כחי ועצם ידי עשה לי את החיל הזה', איז ער אַ פּורק עול, און דעריבער שטייט ביי אים 'פן יהיה דבר עם לבבך בליעל'. דאָס וואָרט 'בליעל' האָט די זעלבע אותיות ווי 'בלי עול'. צוליב דעם איז ער ווי איינער וואָס דינט עבודה זרה ח"ו, און יעדער וואָס דינט עבודה זרה איז אַ 'פּורק עול' רח"ל.

**ענליך** זאָגט דער גאון רבי יעקב פון ליסא זצ"ל (מחבר פון 'חוות דעת' און 'נתיבות המשפט'), אין זיין ספר 'נחלת יעקב' (אגדות הש"ס), אַ טעם פאַרוואָס דער וואָס האַלט זיך צוריק פון צדקה איז ווי איינער וואָס דינט עבודה זרה, ווייל אויב ער וואָלט געגלייבט אַז אַלעס קומט פון באַשעפער, וואָלט ער אוודאי געגעבן צדקה[ג]. ממילא, מוז זיין אַז ער האָט געטראַכט 'כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה'. וועגן דעם טעם, ווערט ער גערעכנט ווי איינער וואָס דינט עבודה זרה.

**לויט** דעם, זאָגט דער 'נתיבות שלום' אַ טעם פאַרוואָס דער פסוק זאָגט דאָ ביי דער מצוה פון צדקה 'ולא ירע לבבך בתתך לו' - אַ זאַך וואָס מיר געפינען נישט ביי די אַנדערע מצוות פון דער תורה, אַז ס'זאָל קומען אַ ספּעציעלע אזהרה מקיים צו זיין די מצוות

---

דער דאָזיגער עושר האָט אויך פאַרמאָגט אַ בריק אויף אַ טייך, וואו די דורכפאָרער פלעגן באַצאָלן שטייערן פאַר'ן זיך באַנוצן מיט'ן בריק. דאָס האָט פאַרגרעסערט זיין עשירות פון טאָג צו טאָג. די דאָזיגע בריק האָט מען אָבער נאָר געקענט אַריבערגיין אויף איין מאָל, נישט מער ווי מיט אַ פּאָר וועגענער.

אַמאָל איז דאָרט אַדורכגעפאָרן אַן איינהייט פון דער אַרמיי פונעם רוסישן צאַר ניקאָלאַי ימ"ש, וועלכע האָבן זיך נישט גערעכנט מיט די באַגרעניצונגען, און זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אויף דער בריק אין מאַסן מיט איינמאָל, און די בריק איז אַראָפּגעפאַלן אין וואַסער, מיטשלעפּנדיג מיט זיך אַ גרויסע צאָל צאַרישע סאָלדאַטן וועלכע זענען דאָרט דערטרינקען געוואָרן צום טויט.

דער עושר האָט גוט געוואוסט אַז באַלד וועלן אָנקומען שליחים פונעם צאַר און מ'וועט אים הרג'ענען ה' ירחם. איז ער שנעל אַהיימגעלאָפן און אָנגעפילט אַ גרויסן זאַק מיט צענדליגער געלט-באַנקנאָטן, און ער איז אַנטלאָפן ארויס פון די גרעניצן פון רוסלאַנד.

ווען ער איז אָנגעקומען גענוג ווייט פון דער גרעניץ און געשפּירט אַז ער דראָט אים מער נישט אַ געפאַר, האָט ער געעפנט דעם זאַק, אָפּצוציילן דאָס געלט וואָס ער האָט מיטגענומען ביים אַנטלויפן. אָבער ווי דערציטערט איז ער געוואָרן ווען ער האָט געזען אין דעם זאַק פאַרשידענע פּאַפּירן אַנשטאָט געלט-באַנקנאָטן, ווייל אין זיין גרויס איילעניש און שרעק ביים אַנטלויפן האָט ער נישט גענומען אין אַכט וואָס ער לייגט אַריין אין דעם זאַק...

ווען דער עושר האָט אַ צייט שפּעטער באַגעגנט רבי אליהו ליווערט, האָט ער אים דערציילט די גאַנצע מעשה, און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער אויסגעפירט: אוי, ווי גערעכט איר זענט געווען. איך האָב געדאַרפט געדענקען ווען איך בין געווען רייך, אַז אַלעס וואָס איך פאַרמאָג איז נאָר פונעם באַשעפער ברוך הוא, און אַז איך דאַרף אייביג אָנקומען צו זיינע חסדים, ער זאָל משפיע זיין אויף מיר זיין שפע, בחן בחסד וברחמים.

ענליך דערציילט מען וועגן אַ גרויסן עושר וואָס האָט געהאַט פאַרמעגנס איבער דער גאַנצער וועלט, האָט אויך געפרעגט מיט זיין 'חכמה', ווי אַזוי קען דער אויבערשטער צונעמען פון מיר אויף איינמאָל מיין גאַנצן פאַרמעגן? האָט מען אים געענטפערט, **דער אויבערשטער דאַרף נישט צונעמען פון דיר דיין פאַרמעגן. ער קען דיך אַוועקנעמען פון דיינע פאַרמעגנס ח"ו...**

**ג.** אַזוי טייטשט דער סקולענער רבי, הרה"ק בעל 'נועם אליעזר' זי"ע, דעם פסוק (בראשית טו, ו), 'והאמין בה' ויחשבה לו צדקה'. דורך דעם וואָס ער האָט געגלייבט אינעם אויבערשטען, איז אברהם אבינו ע"ה געווען אויסגעצייכנט אין דער מדה פון חסד און צדקה.

אין דעם ענין, האָט דער באָבובער רב, הרה"ק בעל 'קדושת ציון' זי"ע הי"ד, געטייטשט דעם פסוק וואָס לבן האָט געזאָגט צו אליעזר (בראשית כד, לא) 'למה תעמוד בחוץ ואנכי פניתי הבית ומקום לגמלים'. זאָגט רש"י, **'פניתי הבית מעבודת אלילים'**. נאָר נאָך דעם ווי מ'טוט אָפּ פון זיך די מחשבות פון כפירה און עבודה זרה, אַז דאָס געלט באַלאַנגט צו מענטש ווייל ער האָט געטוהן די 'השתדלות' צו פאַרדינען דאָס געלט. נאָר ער גלייבט אַז דאָס געלט איז פון דעם אויבערשטען, דעמאָלס איז דאָ **'מקום לגמלים'** - צו טוהן גמילות חסד מיט אַנדערע ('גמלים' איז פון לשון גמילות חסד).

בשמחה[ד]. דאָס איז דערפאַר ווייל דער גאַנצער תכלית פון דער מצוה צו געבן צדקה איז איינצואווּאָרצלען אין האַרץ אַז 'לה' הארץ ומלואה', און דעם מענטשנ'ס געלט איז נישט זיינס, אַזוי ווי דער תנא זאָגט אין דער משנה (אבות פ"ג מ"ז) 'רבי אלעזר איש ברתותא אומר, תן לו משלו, שאתה ושלך שלו. און אַזוי זאָגט דער פסוק (דה"א כט, יד) 'כי ממך הכל ומידך נתנו לך'.

**נאָך** מער: דער וואָס גיט צדקה מיט אַ שווער האַרץ, ער איז טרויעריג אַז ס'איז 'פאַרמינערט' געוואָרן פון זיין פאַרמעגן, קומט דאָך אויס, אַז 'עיקר חסר מן הספר'... דער אויבערשטער דאַרף נישט אַז דו זאָלסט געבן געלט פאַר דעם אָרימאַן! ער האָט געגוג וועגן ווי אַזוי צו געבן פאַר דעם אָרימאַן. ער וויל נאָר אַז דו זאָלסט גלייבן אַז דו געסט נישט פון דיין פאַרמעגן, נאָר פון זיינס.

**און** וועגן דעם האָט דער פסוק דאָ אנגעזאָגט ספּעציעל די מצוה פון געבן צדקה בשמחה - 'ולא ירע לבבך', ס'זאל דיר בכלל נישט וויטוהן. אדרבה, זאלסט טיילן אַזוי ווי איינער וואָס טיילט צדקה אויפ'ן חשבון פון אַנדערע מענטשן...

**דער** גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד זאָגט ('קובץ שיעורים', בבא בתרא, אות נא) אַז דער שורש פון עבודה זרה איז, ווייל דער מענטש מיינט אַז די עבודה זרה האָט אַ כח צו טוהן שלעכטס (חלילה) אָדער גוטס. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן איינעם וואָס האַלט זיך צוריק פון געבן צדקה, די סיבה פון דער זאַך פאַרוואָס ער גיט נישט געלט פאַר צדקה, איז דאָך דערפאַר ווייל ער האַלט אַז זיין געלט קען אים טוהן גוטס, און אַז עס וועט אים פעלן געלט וועט אים זיין שלעכט ח"ו. ממילא, איז דער מענטש וואָס פאַרזיכערט זיך אויף זיין געלט, אָדער אויף אַן אַנדערן כח אויסער דעם אויבערשטען, איז ער אַזוי ווי איינער וואָס דינט עבודה זרה רח"ל.

**נאָך** אַ כוונה זאָגט דער גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל, ווייל איינער פון די יסודות פון אמונה איז צו גלייבן אַז די גאַנצע פרנסה פון אַ מענטש איז באַשטימט פון ראש השנה. דאָס זעלבע איז אַלעם וואָס עס פעלט אים, איז אויך באַשערט פון ראש השנה (זע ב"ב י.). ממילא, אויב דער מענטש נעמט אַראָפּ פון זיין פאַרמעגן געלט צו געבן פאַר צדקה, טוט ער זיך איינשפּאָרן און ער ווערט געראַטעוועט פון אַ שאָדן אין אַן אַנדערע אָרט. אָבער דער וואָס ס'איז נגזר געוואָרן אויף אים פון ראש השנה אַז ס'זאָל אים פעלן פון זיין געלט און ער גיט נישט קיין צדקה, וועט ער דאָך האָבן אַ שאָדן צוליב אַן אַנדערע סיבה[ה].

---

**ד.** נישט נאָר דאָס, נאָר די שמחה ביים געבן צדקה איז אַ חלק פונעם עצם קיום פון דער מצוה, אַזוי ווי דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הל' מתנות עניים פ"י, ה"ד) אַז מ'געבט צדקה 'בסבר פנים יפות ובשמחה'.

ווי ווייט דאָס דערגרייכט, קען מען זען פון די ווערטער פון ספה"ק 'מאור ושמש' (פ' פנחס, ד"ה 'בני גד'), וואו ער ברענגט אין נאָמען פון דעם הייליגן רבי'ן ר' מענדעלע פון רימנוב זי"ע, אַז ער האָט געזען אין אַ ספר פון אַ קדמון אַ טעם פאַרוואָס מ'מאַכט נישט אַ ברכה אויף דער מצוה פון געבן צדקה, אַזוי ווי מ'מאַכט אַ ברכה אויף אַנדערע מצוות, ווייל מ'דאַרף געבן בשמחה, און אַ גרויסער רוב פונעם המון עם גיבן נישט צדקה בשמחה. צוליב דעם מאַכט מען נישט אַ ברכה אויף דער מצוה פון צדקה.

**מן הבאר**

דעם רמב"ם זאָגט (פירוש המשניות, אבות פ"ג מ"ו), אויף די ווערטער פון דער משנה, 'הכל לפי רוב המעשה', אַז אַ מענטש וואָס גיט 100 דינרים פאַר צדקה, צוטיילט אין 100 מאָל (דאָס מיינט, ער גיט אַ דינר אויף אַמאָל) באַקומט אַ גרעסערן שכר ווי איינער וואָס האָט געגעבן הונדערט דינרים מיט איין מאָל. זאָגט דער 'באר משה' דער טעם דערפון איז, ווייל **דער וואָס האָט געגעבן הונדערט מאָל, האָט איינגעוואָרצלט אין זיך הונדערט מאָל די אמונה אַז די גאַנצע וועלט איז נאָר דעם אויבערשטענ'ס**, אָבער איינער וואָס גיט צדקה אויף איין מאָל, האָט ער געשטאַרקט די אמונה אין זיין האַרץ נאָר איין מאָל... און ס'איז בעלל נישט קיין פאַרגלייך ווען מ'שטאַרקט די אמונה הונדערט מאָל, ווי ווען מ'טוט עס נאָר איין מאָל...

**ה.** דאָרט דערציילט די גמרא, אַז רבן יוחנן בן זכאי האָט געזען אין חלום מוצאי יום כיפור, אַז ס'איז נגזר געוואָרן אויף זיין שוועסטער'ס קינדער שאָדן צו האָבן יענעם יאָר זיבן הונדערט דינרים. אין לויף פונעם יאָר האָט ער

**ממילא,** איז דער וואָס האלט זיך צוריק פון געבן צדקה, ווייל ער מיינט אַז דורך דעם טוט זיך פון זיך פאַרמיידן אַ געלט שאָדן, און ער רעדט זיך איין אַז ער האָט 'פאַרדינט' פון דעם וואָס ער האָט נישט געגעבן צדקה, ווייזט ער דאָך קלאָר אַז עס פעלט אים אמונה אין דעם אויבערשטען וואָס ער שפייזט די גאַנצע וועלט. דער מענטש קען נישט פאַרדינען אַפילו איין פרוטה, אויב מ'האט עס נישט באַשערט פאַר אים פון הימל.

**לא תעשון כן - דינען דעם אויבערשטן, נישט זיך אליין**

**דער** פסוק זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (יב, ד) 'לא תעשון כן לה' אלוקיכם'. שרייבט הרה"ק בעל 'מראה יחזקאל' זי"ע אב"ד קאַרלסבורג, אין זיין הגדה של פסח, עס זענען דאָ מענטשן וואָס האָבן אַ גוטע הנהגה - צום ביישפּיל, צו פאַסטן מאנטאָג און דאָנערשטאָג, אָדער לערנען יעדן טאָג אַכצן פרקים משניות, און זיי האָבן קיינמאָל נישט געטוישט זייער מנהג.

**צומאָל** דאַרף אָבער דער מענטש טוהן אַ געוויסע מצוה, ווי צום ביישפיל הכנסת אורחים אָדער ביקור חולים, און אויב ער וועט דעמאָלס דאַרפן טוהן די מצוה, וועט ער נישט קענען טוהן זיין לאַנגיאָריגע מנהג טוב, ווי זיין סדר צו פאַסטן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אָדער לערנען משניות וכדומה. וועט ער טראַכטן ביי זיך, ווי אַזוי קען איך טוישן מיינע גוטע מנהגים וואָס איך פיר מיך שוין אַזוי פיל יאָרן? איך האָב עס נאָך קיינמאָל נישט מבטל געווען... אַזאַ איינער גייט אין דער פינצטערניש, ווייל ער איז נישט מקיים די מצוות פאַר'ן כבוד פון דעם באַשעפער, נאָר פאַר זיך אַליין, זיך צו באַרימען מיט זיין הנהגה[ו]. ווייל אויב ער וואָלט געמיינט נאָר צו טוהן אַ נחת רוח פאַר'ן באַשעפער, דאַרף ער דאָך פאַרשטיין צו זען דערצו אַז אַלע זיינע פעולות זאָלן זיין אויף אַן אופן אַז דער אויבערשטער זאָל האָבן דערפון אַ נחת רוח.

**דער** 'מראה יחזקאל' שרייבט ווייטער: מיר געפינען אַזוי אויך אין דער וועלט[ז]. אַמאָל פלעגן די סוחרים פאָרן האַנדלען נאָר קיין לייפציג. שפּעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער יריד אין וויען, האָבן די סוחרים אויפגעהערט צו פאָרן קיין לייפציג, און זיי זענען געפאָרן נאָר קיין וויען. שפּעטער, ווען זיי האָבן געזען אַז די סחורה אין לייפציג איז בעסער, האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן פאָרן קיין לייפציג. דאָס אַלעס איז דערפאַר

---

כסדר געבעטן פון זיי געלט פאַר צדקה, ביז זיי האָבן אין סך הכל פאַרטיילט 683 דינרים פאַר צוועקן פון צדקה.

ענדע יאָר האָט מען זיי אַרעסטירט, און רבי יוחנן בן זכאי האָט זיי באַרואיגט, זאָגנדיג: 'איר דאַרפט נישט מורא האָבן, ווייל מ'וועט נעמען פון אייך נאָר 13 דינרים נישט מער כדי משלים צו זיין דאָס וואָס מ'האָט גוזר געווען אויף אייך אַ שאָדן פאַר דאָס יאָר. וכן הוה.

**ו.** אַלס אַ ביישפּיל דערפאַר קען דינען אַ מעשה וואָס מיר האָבן געהערט פון אַ איד וואָס האָט פאַרברענגט אין שפּיטאָל מיט זיין מאמע, כדי איר אַרויסצוהעלפן דאָרט. אמאָל האָט זי אים געבעטן ער זאָל איר פירן אין שול צום דאַווענען בציבור. האָט דער זון זיך אויך געשטעלט דאווענען מיט'ן ציבור אין שול. תיכף דערנאָך האָט אָבער זיין מאַמע אים געבעטן ער זאָל צוריקגיין צו איר צימער, און ברענגען פון דאָרט אירע שיך, און עס אָנטוהן אויף אירע פיס.

גייענדיג אויפ'ן וועג צום צימער כדי צו ברענגען די שיך, האָט ער געטראַכט ביי זיך מיט ווייטאָג אַז ער דערלייגט דאָ די מצוה פון דאַווענען תפילה בציבור... ער האָט זיך אָבער באלד געכאַפּט אַז דאָס איז אַ נארישער געדאַנק, און ער האָט באַלד חרטה געהאַט דערויף, זאָגנדיג צו זיך אליין, 'פאַרוואָס וויל איך דען דאַווענען? איך וויל דען דאַווענען צו טוהן מיין אייגענעם רצון, אָדער כדי צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער ברוך הוא? **ס'איז דאָך פשוט** אַז דער אויבערשטער האָט אַ גרעסערן נחת רוח ווען איך בין מקיים די מצוה פון כיבוד אם, וואָס איז אַ מצוה דאורייתא, ווי איידער יעצט צו דאַווענען, ספּעציעל אַז ער איז בכלל געווען פּטור פון מצות תפילה, אַזוי ווי ס'איז די הלכה ביי איינעם וואָס באַדינט אַ קראַנקן מענטש. ממילא, האָט ער נישט וואָס צו האָבן צער...

**ז.** ווען די צוויי הייליגע ברידער, דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע און דער רבי ר' זושא זי"ע פון אַניפּאָלי, זענען געגאַנגען לייזן 'גלות', האָבן עטליכע רשעים זיי איינמאָל געכאַפּט און איינגעשפּאַרט אין אַ קליינעם צימער וואו ס'איז געלעגן אַ פעסל מיט שמוציגע וואַסער (סוער' בלע"ז). האָט דער הייליגער רבי ר' אלימלך געהאַט גרויס

ווייל זיי זעען דעם תכלית פון דער נסיעה, דער ריווח דערפון וואָס קומט שפּעטער. און דאָס זעלבע איז ביי עבודת השם. דער עיקר איז גורם צו זיין אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען כביכול[ח].

ברענגט דאָרט דער 'מראה יחזקאל', אַז ער האָט געהערט נאָכזאָגן אין נאָמען פון הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, אויפ'ן דערמאַנטן פסוק, 'לא תעשון כן לה' אלוקיכם'. דער מענטש זאָל נישט זאָגן אַז ער טוט

---

צער דערפון אַז זיי וועלן דאָרט נישט קענען זאָגן אַ דבר שבקדושה. האָט זיין ברודער, דער רבי ר' זושא, אים געזאָגט: 'ברודער טייערער, וואָס האסטו צו זיין צוגעלייגט? דער אויבערשטער האָט דאָך אונז אַריינגעברענגט דאָ אין דעם אָרט, און ער האָט אונז אונטערגערוקט דאָ אַזאַ זעלטענע מצוה, אַ מצוה נישט צו לערנען, אַ מצוה נישט צו דאַווענען. ס'וואָלט געווען גוט מיר זאָלן יעצט אַרויסגיין אין אַ טענצל לכבודה פון אַזאַ זעלטענע מצוה.... זיי האָבן זיך טאַקע אַרויסגעלאָזט אין אַ טאַנץ אַרום דעם פעסל מיט'ן שמוציגן וואַסער.

ווען דער וועכטער האָט געהערט אַז זיי זינגען און טאַנצן, איז ער שנעל אַריינגעקומען און זיי געפרעגט 'לשמחה מה זו עושה'. זיי האָבן אים אָבער נישט געענטפערט און האָבן ווייטער געטאַנצט. ווען דער רשע דער וועכטער האָט געזען אַז זיי טאַנצן אַרום דאָס פלעשל, האָט ער זיי געזאָגט: 'אויב דאָס דערפרייט ענק, וועל איך עס אוועקנעמען פון אייך'. ער האָט טאַקע אָנגעכאַפּט דאָס פלעשל, און עס אַרויסגעוואָרפן אינדרויסן פון זייער צימער. אַזוי האָבן די צוויי הייליגע ברידער געקענט מתפלל זיין און עוסק זיין אין דברים שבקדושה...

**ח.** על דרך משל, אמאָל איז געווען אַ גוטהאַרציגער קעניג, וועמען אַלע מענטשן פון לאַנד האָבן זייער ליב געהאַט, און זיי האָבן באַשלאָסן אויסצודריקן פאַר אים זייער הכרת הטוב, דורך אים שענקען אַ ספּעציעלע קרוין. אַלע האָבן געברענגט גאָר טייערע בריליאַנטן-שטיינער, אָבער נאָך מער פון זיי אַלע האָט דער הויפּט-מיניסטער פונעם לאַנד געלאָזט וויסן אַז ער נעמט אויף זיך צו ברענגען דעם שטיין וואָס זאָל אַריינגעשטעלט ווערן אינמיטן פון דעם טייערן קרוין.

פאַר דעם צוועק, האָט דער מיניסטער פאַרקויפט זיין הויז און זיין גאַנץ פאַרמעגן, זוכנדיג צו קויפן דעם טייערסטן שטיין אויף דער וועלט, אָבער ער האָט עס נישט געקענט געפינען. איז ער געגאַנגען זוכן איבער די אינדזלען אויפ'ן ים, ביז ער האָט געטראָפן אַ שטיין וואָס מ'זעט נישט אזוינס. ממש אַ טייערער בריליאַנט.

ווען ער איז צוריקגעקומען צום קעניג מיט'ן שטיין, האָט דער קעניג געזאָגט, 'דאָס איז נישט אַ טייערער שטיין, נאָר אַ פשוטער שטיין וואָס ווערט אָנגערופן 'הינך'... דערנאָך האָט דער קעניג געזאָגט, 'אַן אמת'דיגער שטיין איז גאָר שטאַרק און האַרט, מ'קען עס נישט צעברעכן נאָר מיט אַ צווייטן טייערן שטיין. לאָמיר אויספּרובירן דעם דאָזיגן שטיין. מיר וועלן נעמען אַ גרויסע האַק, און מיר וועלן פּרובירן צו צעברעכן דערמיט דעם שטיין. אויב ס'איז אַ בריליאַנט, וועט עס זיך נישט צעברעכן, און אויב עס וועט זיך צעברעכן וועלן מיר וויסן אַז ס'איז נישט אַ בריליאַנט.

דאַן האָט דער קעניג זיך געוואָנדן צו דעם מיניסטער וואָס איז געשטאַנען ביי זיין רעכטער זייט, אַז ער זאָל נעמען אַ האַק און האַקן אויפ'ן שטיין. יענער מיניסטער האָט אָבער נישט געוואַגט צו טוהן אַזוי. דאָס זעלבע מיט די אַנדערע מיניסטארן, זיי האָבן נישט געוואַגט צו צעברעכן דעם שטיין, פאַר וועלכן דער הויפּט-מיניסטער האָט אַוועקגעגעבן זיין גאַנצן פאַרמעגן. האָט דער קעניג געבעטן דעם הויפּט מיניסטער אַליין, וואָס האָט געקויפט דעם שטיין, אַז ער זאָל נעמען אַ האַק און האַקן אויפ'ן שטיין. יענער האָט נישט צופיל געטראַכט, ער האט גענומען די האַק, און געהאַקט אויפ'ן שטיין מיט אַ גרויסן כח. אָבער עס האָט זיך נישט צעבראָכן. האָבן די אַנדערע מיניסטאָרן אים געזאָגט: 'דו האָסט זיכער געוואוסט אַז ס'איז אַ שטיין'. האָט דער הויפּט פון די מיניסטאָרן געזאָגט, 'ניין, ניין'. האָבן זיי אים געפרעגט: אויב אַזוי, ווי אַזוי האָסטו געוואַגט צו האַקן דערויף? האָט דער הויפּט-מיניסטער געענטפערט: 'צי האָב איך דען פאַרקויפט מיין גאַנצן פאַרמעגן פאַר מיר, אָדער פאַר'ן שטיין? **איך האָב דאָך דאָס אַלעס געטוהן נאָר פאַר'ן כבוד פונעם קעניג. אויב דאָס איז זיין רצון, וועל איך עס ערפילן**'. הערנדיג די ווערטער, האָט דער קעניג אים באַלוינט מיט אַ דאָפּלטן לוין.

דאָס איז גילטיג פאַר יעדער זאַך אין לעבן. יעדער יונגערמאַן און בחור, טוט זיך אַליין צוגרייטן אַ פּלאַן צו שטייגן, און פּלוצלינג, קומען אונטער פאַרשידענע שטערונגען... דאַרף ער וויסן אַז **ער דינט דעם אויבערשטען, און נישט זיך אַליין...** ער טוט דעם רצון השם, אויף דעם אופן וואָס דער אויבערשטער שטעלט אים צו.

דווקא 'כן' - 'אַזוי' - ווי ס'איז זיין לאַנגיאָריגער מנהג, ווי אויבן-דערמאָנט[ט], און צוליב דעם, אויב עס טרעפט זיך אַמאָל אַז דער מענטש דאַרף טוישן זיין לאַנגיעריגע הנהגה, האָט ער אַ בפירוש'ע הוראה אַז ער טוט עס "פאַר'ן אויבערשטען"...

**כי ברך יברכך ה' - די שפע וואָס ווערט נשפע פון מצוות צדקה**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (טו, י) 'נתון תתן לו ולא ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלוקיך בכל מעשיך ובכל משלח ידיך'[א].

---

**ט.** הגה"צ רבי נחום יאַסער זצ"ל, מנקיי הדעת שבירושלים, האָט זיך געפירט צו גיין יעדן טאָג דאַווענען ביים כותל המערבי. דאָרט פלעגט ער אַרומגיין ענטפערן 'אמן יהא שמיה רבא', קדושה, און 'ברכו'.

ווען ער איז ליידער געוואָרן נישט געזונט ל"ע און ער האָט געמוזט ליגן אין בעט אינדערהיים, איז זיינער אַ באַקאַנטער געקומען צו אים באַזוכן, מצות 'ביקור חולים', און אים אנגעוואונטשן: 'דער אויבערשטער זאָל העלפן איר זאָלט געזונט ווערן בקרוב, דעמאָלס וועט איר קענען ווייטער גיין יעדן טאָג צום כותל, און ענטפערן אַסאַך מאָל 'אמן' און קדושה'. האָט ר' נחום אים אָנגעשריגן:

- "זאָג נישט אַזוי, ווייל אויב דער אויבערשטער האָט מיך איבערגעלאָזט אינדערהיים, און האָט געמאַכט אַז איך זאָל זיך דאַרפן געפינען אין שטוב, **איז דאַך דאָ דער כותל המערבי**, און דאָ ענטפערט מען קדושה און 'ברכו'...

דער טיפער באַדייט דערפון איז, **אַ איד וואָס דינט דעם אויבערשטען, טוט דעם רצון פונעם באַשעפער און ער דינט נישט זיך**. ממילא, אויב ס'איז יעצט דעם באַשעפער'ס רצון אַז ער זאָל נישט גיין צום כותל און נישט ענטפערן 'אמן יהא שמיה רבא', 'ברכו' און קדושה, איז אַ סימן אַז ער האָט נישט קיין באַדאַרף דערין...

הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א דערציילט, אַז הגה"צ רבי שמואל שפּיראָ זצ"ל האָט זיך געפירט אויפצושטיין יעדע נאַכט צו חצות און אָפּרעכטן 'תיקון חצות'. ווייבאַלד ער האָט געהאַט אַ שטוב געבענטשט מיט קינדער בלי עין הרע, און די דירה איז געווען קליין, האָט ער אָפט מאָל געדאַרפט אַרויסהעלפן זיין רעביצין אינמיטן טוהן זיין עבודת הקודש. פלעגט רבי שמואל זאָגן: ס'איז דאָ אַ **'תיקון רחל'**, און ס'איז דאָ אַ **'תיקון לאה'**, אָבער צומאָל איז אויך דאָ אַ **'תיקון פייגא'** און אַ **'תיקון שרה'**... ווייל אויב מ'פאַרלאַנגט פון מיר דאָס צו טוהן, איז דאָך דאָס וואָס מ'וויל אין הימל פון מיר... דאָס איז דער **'תיקון כללי'** (אַרויסצוהעלפן די בני בית זי זאָל זיך קענען אַביסל אָפּרוען, און ענליכע הילף).

**י.** מ'קען זען דעם גרויסן שכר און די געוואַלדיגע מעלה פון די וואָס טוען חסד, פון דעם פסוק (משלי לא, כא): 'לא תירא לביתה **משלג** כי כל ביתה לבוש שנים'. זאָגט רש"י דאָרט, **'לא תירא לביתה משלג'** - זי האָט נישט קיין מורא פאַר דעם שניי פון גיהנום, וואָס די רשעים ווערן דאָרט גע'משפט מיט פייער און שניי. און דער פסוק פירט אויס, 'כי כל ביתה לבוש **שנים**'. 'שָׁנים' איז אויך אַ לשון פון 'דאָפּעלט'. אויב דער מענטש היט די מצוות וואו עס שטייט אַ דאָפּלט לשון אינעם פסוק, אַזוי ווי 'נתון תתן' (פרשתינו טו, י), 'פתוח תפתח' (פסוק ח), און 'הענק תעניק' (פסוק יד). דאָס אַלעס זענען מצוות וואָס ראַטעווען דעם מענטש פונעם שניי אין גיהנום.

פון דעם זעט מען די וויכטיגקייט פון דער מצוה צו טוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן, אַז **דורך דער מצוה פון חסד און צדקה ווערט מען געראַטעוועט פון דעם האַרבן עונש פון גיהנום.**

הרה"ק בעל 'ישמח משה' זי"ע האָט אַמאָל געפרעגט אַן עושר, וואָס מענטשן האָבן זיך באַקלאָגט אויף אים פאַר'ן 'ישמח משה' אַז ער איז אַ קאַרגער מענטש, וועלכער גיט נישט קיין צדקה: 'אויב דו געבסט סיי ווי נישט צדקה, פאַרוואָס ביזטו אַזוי קאַרג?' האָט דער עושר זיך געוואונדערט: 'אדרבה, ס'איז דאָך פונקט פאַרקערט, טאַקע דערפאַר ווייל כ'בין קאַרג, גיב איך נישט צדקה'. האָט דער 'ישמח משה' אים געזאָגט:

- ניין. אַן עושר וואָס פאַרמאָגט אַסאַך געלט, וואָלט מצד הדין זיין צדקה נישט גערעכנט געוואָרן פאַר אַ גרויסע זאַך ביי דעם אויבערשטען, ווייל אַזאַ סכום איז ביי אים גאָרנישט ווערד צוליב זיין גרויסע עשירות. עס שפּילט דאָך נישט קיין ראָלע ביי אים... ממילא, איז עס אַ חסד פונעם באַשעפער, אַז ער לייגט אריין אין אים די מדה פון קמצנות - און וואָס מער עס וואַקסט זיין רייכטום, אַלס שטאַרקער ווערט זיין קאַרגשאַפט. אַזוי וועט ער זיין געצוואונגען זיך צו שטאַרקן איבער דעם נסיון און ברעכן זיין נאַטור, און דורך דעם ווערט זיין טיילן צדקה גערעכנט פאַר אַ חשוב'ע מצוה. אָבער דו, וואָס דו שטאַרקסט זיך נישט אויף דעם נסיון און דו טיילסט נישט קיין געלט

**דער** 'ספר החינוך' שרייבט (מצוה תפ) אַז יעדער מענטש וואָס פאַרשטייט די וועגן פון דער תורה, און ער ווייסט אָפּצושאַצן אַפילו אַביסל פון איר ווערט, ווייסט קלאָר אַז דער מענטש וואָס טיילט פון זיין געלט פאַר אָרימעלייט, פאַרדינט נאָר מער געלט דערפון. ווייל דער אויבערשטער טוט משפּט'ן דעם מענטש לויט זיינע מעשים, און ער שענקט אים פון זיין ברכה לויט ווי ער דערנענטערט זיך צו די ברכה פון באַשעפער. און פון די אנדערע זייט, איז די מדה פון קאַרגשאַפט, ווי אַן אייזערנע וואַנט וואָס טיילט אָפּ צווישן דעם מענטש און די ברכה. קומט אויס, אַז דער וואָס פירט זיך מיט ברייטהאַרציגקייט צו אַנדערע מענטשן, געפינט זיך אין די ברכה, און חז"ל זאָגן שוין (תענית ט., און אַזוי שטייט אויך אין מדרש תנחומא), אויף דעם פּסוק אין דער היינטיגער סדרה (יד כב) 'עשר תעשר' - 'עשר בשביל שתתעשר'[יב].

**דער** 'ספר החיים', פון דעם גאון רבי חיים ברבי בצלאל זצ"ל (אַ ברודער פונעם מהר"ל זצ"ל), **זאָגט** ('פרנסה וכלכלה', פ"ה) אַ שיינעם טעם פאַרוואָס מיר געפינען אין לשון פון חז"ל אַז דאָס געלט ווערט אָנגערופן 'דמים', ווייל

פאַר צדקה, פאַרוואָס פעלט דיר אויס די גאַנצע קאַרגשאַפט? עס ברענגט דאָך דיר נישט קיין נוצן? ('אגרת הטיול', אין אָנהייב פונעם ספר).

**יא.** דער דובנער מגיד זצ"ל (אין זיין ספר 'אהל יעקב', פ' ראה, אויפ'ן פסוק 'כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלוקיך') **ערקלערט** דאָס ענין מיט אַ משל: אַ מענטש האָט אַמאָל פאַרלוירן הונדערט גאָלדענע רענדלעך. ווען ער האָט געזוכט זיין אבידה, האָט ער אונטערוועגנס געפונען צוויי הונדערט אַנדערע רענדלעך. טראָץ דעם וואָס ער האָט יעצט מער ווי פריער, קען אים נאָך אַלץ אַדורכלויפן אין דער מחשבה אַ נאַרישער געדאַנק: אויב איך וואָלט נישט פאַרלוירן די ערשטע הונדערט רענדלעך, וואָלט איך דאָך יעצט געהאַט דריי הונדערט רענדלעך!

אויב דער מענטש גייט אָבער אויף אַ פעלד, און טראָגט אַ זאַק פול מיט קערנדלעך, און פלוצלינג צערייסט זיך דער זאַק און אַלע קערנדלעך פאַלן אַראָפּ אויף דער ערד. אַ שטיק צייט שפּעטער גייט ער ווידער אַדורך דעם פעלד, און ער זעט דעם וואונדער, ווי אַ הערליכע שפע פון תבואה און גרינצייג וואקסט דאָרט. וואָלט אים דען איינגעפאַלן אַפילו פאַר אַ סעקונדע צו טראַכטן, אויב מיין זאַק וואָלט זיך נישט צעריסן, וואָלט איך יעצט געהאַט סיי אַ פעלד פול מיט תבואה, און סיי דעם זאַק מיט קערנדלעך...?! פאַרשטייט מען דאָך אַליין אַז ס'איז נאַריש צו טראַכטן אַזוי, ווייל די גאַנצע ברכה און דאָס וואָס די תבואה איז אַזוי שיין געוואַקסן, איז דאָך געקומען נאָר אַדאַנק דעם וואָס דער זאַק האָט זיך צעריסן און די קערנדלעך זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

דער נמשל איז, **כדי זוכה צו זיין צו אַ שפע און ישועות פון הימל, דאַרף דער מענטש 'איינזייען' צדקה.** דאָס איז דער פּשט אין פּסוק, 'ולא ירע לבבך בתתך לו'. דיין האַרץ זאָל דיר נישט ווי טוהן ווייל דו ווערסט טראַכטן אַז דיין געלט ווערט וויינער דורך דעם וואָס דו געבסט אוועק דאָס געלט פאַר יענעם. **פאַרקערט**, 'כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך'. טאַקע דורך דעם וואָס דו האָסט 'איינגעזייט' די צדקה, דאָס ברענגט אַראָפּ אַלע ברכות און גוטע השפעות פון הימל.

דאָס איז אויך מרומז אין די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביים דאַווענען (תפילת שחרית, ברכת 'יוצר אור'), **'זורע צדקות, מצמיח ישועות'.** צדקה איז אַזוי ווי אַ 'זריעה', אַן 'איינזייאונג', וואָס טוט אויפשפּראָצן ישועות פאַר דעם מענטש וואָס האָט מקיים געווען די מצוה פון געבן צדקה.

**יב.** דער פּסוק זאָגט וועגן די מצוה פון געבן מעשר (מלאכי ג, י) 'ובחנוני נא בזאת, אם לא אפתח לכם את ארובות השמים'. זאָגט דער דובנער מגיד זצ"ל ('משלי המגיד', ח"ב אויף ספר מלאכי) מיט אַ משל: אַ סוחר איז אָנגעקומען מיט אַ שיף פון אויסלאַנד. די שיף איז געווען פול מיט הערליכע און טייערע שטאפן, וואָס זענען געווען גאָר פיין געוועבט. עס האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט די נייעס אַז מ'קען יעצט באקומען גאר פיינע סחורה פאַר ביליגע פרייזן, און ביז אַ קורצע צייט זענען אַלע סוחרים פון שטאט שוין דאָרטן געשטאַנען, גרייט צו קויפן די סחורה. דער סוחר האָט מודיע געווען פאַר יעדן איינעם אַז יעדער שטיק שטאָף איז פּונקטליך זעכציג פיס לאַנג. יעדער קונה האָט אָבער געוואָלט אַז דער מוכר זאל איבערמעסטן פאַרענט פון אים אַלע סחורות וואָס ער קויפט. דער סוחר האָט זיך אָבער זייער געאיילט, וואָס האָט ער געטוהן? ער האָט זיי געזאָגט: 'איך האָב נישט קיין איבריגע צייט. איך בעט אייך, נעמט דעם דינסטן שטיקל לייווענד וואָס זעט אויס דאָס קלענסטע, און דאָס

פונקט אַזוי ווי דאָס בלוט איז דער 'נפש' פונעם מענטש ['כי הדם הוא הנפש'], אַזוי איז דאָס געלט, דאָס חיות פונעם מענטש, און עס שטעלט אים אויף זיינע פיס. אָבער פונקט אַזוי ווי מ'דאַרף אַמאָל אַרויסנעמען בלוט פון קערפער פונעם מענטש כדי עס זאָל נישט קאַליע ווערן ח"ו, און פאַר דעם געזונט פונעם גוף, אַזוי דאַרף דער מענטש אויך אַראָפּרעכענען געלט און עס אויסטיילן פאַר צדקה, כדי דאָס געלט זאָל נישט האָבן אַ שאָדן, און דורך דעם האַלט זיך ביי אים זיין געלט'.

לויט דעם, טייטשט ער דעם פסוק (ויקרא יט, ט) 'לא תכלה פאת שדך', אַז אויב די לאָזט נישט איבער

---

וועלן מיר מעסטן פאַר אייערע אויגן. אַז איר וועט זען אַז דאָס איז זעכציג פיס לאַנג, וועט איר שוין אַליין פאַרשטיין מיט אַ 'קל וחומר', אַז די גרעסערע און דיקערע שטיקער סחורה, האָבן זיכער זעכציג פיס'...

דער נמשל איז, דער אויבערשטער האָט מיט זיין גרויס רחמנות אויף אידישע קינדער, זיי געגעבן די תורה מיט אירע מצוות. **דער גאַנצער תכלית פון דער תורה איז נאָר פאַר אונזער טובה וועגן, כדי משפיע צו זיין אויף אונז אַסאַך ברכה און הצלחה** - יעדע מצוה פאַר זיך, מיט איר ספּעציעלער חשיבות, וואָס איז אַ מקור פון ברכה. קומט דער מענטש, אַ 'קרוץ מחומר', און טענה'ט, 'איך דאַרף האָבן קלאָרע ראיות. פון וואו ווייס איך אַז די מצוות זענען טאקע דער מקור פון אַלע ברכות, און אַז איך וועל גאַרנישט שאָדן האָבן דורך מקיים זיין די מצוות? (צום ביישפּיל, ווען אַ מענטש יאָגט זיך צו דער אַרבעט, קען ער טראַכטן אַז אויב ער וועט אָפּכאַפּן שנעלער דאָס דאווענען, וועט ער קענען פריער אַרויסגיין פון בית המדרש צו דער אַרבעט און פאַרדינען מער געלט, און דאָס זעלבע ביי אַנדערע מצוות).

באמת האָט אָבער דער אויבערשטער געטוהן מיט אונז אַ געוואַלדיגן חסד. וויבאלד עס איז שווער אויסצופּרובן דעם מענטש ביים מקיים זיין אַלע תרי"ג מצוות, האָט ער געזאָגט: 'נעם דיר איין מצוה וואָס זעט אויס אויפ'ן ערשטן בליק ווי מען דערלייגט דערפון מער ווי פון אַנדערע מצוות'. דער וואָס גיט מעשר, זעט דאָך אויס ווי ער פאַרמינערט דאָס געלט וואָס ער האָט פאַרדינט מיט זיין האָרעוואַניע. דאָ זאָגט דער באַשעפער: **'ובחנוני נא בזאת'. פּרובירט מיך אויס אין דעם, גיט מעשר, כדי איר זאָלט רייך ווערן!**

פון דעם קען מען שוין אַליין אַראָפּלערנען אויף אַלע אַנדערע מצוות, אַז עס ליגט אין זיי באַהאַלטן אַ געוואַלדיגער פאַרדינסט, און **דער וואָס פאָלגט דעם אויבערשטען, האָט קיינמאָל נישט געהאַט דערפון אַ שאָדן ח"ו.**

**יג.** די גמרא זאָגט (תענית ט.) 'עשר בשביל שתתעשר'. דו זאָלסט געבן מעשר, כדי דו זאָלסט ווערן רייך. דער גאון רבי שמעון הכהן שקאָפּ זצ"ל זאָגט (אין זיין הקדמה צום ספר 'שערי יושר'), אַ טעם פאַרוואָס דאָס ווענדט זיך נישט אין אַנדערע מעשים פונעם מענטש, נאָר בלויז אין דעם ענין פון געבן מעשר, אויף אַזוי ווייט אַז ס'איז מעגליך אַז אַ תלמיד חכם און אַ צדיק זאָל נישט געבענטשט ווערן פון הימל מיט עשירות ווייל ער גיט נישט מעשר, און פונקט פאַרקערט, אַן עם הארץ קען ווערן זייער רייך, טאקע נאָר צוליב דער מצוה פון מעשר.

זאָגט רבי שמעון שקאָפּ, אַז פונקט אַזוי ווי אַ באַאַמטער וועמען די רעגירונג האָט באַשטימט איבער אַ קליינע קאַסע, אויב פירט ער אויס זיין פליכט ריכטיג, וועט מען אים מיט דער צייט באַשטימען צו האַלטן אַן אויג אויף אַ גרעסערע קאַסע, און אַזוי וועט ער שטייגן פון איין שטאַפּל צום צווייטן, אפילו אויב ער ווערט נישט גערעכנט פאַר אַ גרויסן מוצלח אין אַנדערע ענינים. דאָס איז דערפאַר ווייל אין די זאַכן וואָס באַלאַנגען צו דער קאַסע, טוט ער אויף אַ ריכטיגן און גוטן אופן אויספירן זיין שליחות און זיין פליכט.

דאָס זעלבע איז ביי דעם רייכטום פון אַ מענטש. אַלעס ווענדט זיך בלויז אין דעם צי מען נוצט דאָס געלט אויפ'ן ריכטיגן אופן. **אויב איינער גיט אַראָפּ מעשר פון זיין געלט, ווייזט ער דערמיט אַז ער פאַרשטייט ווי אַזוי מ'דאַרף נוצן דאָס געלט. דאַן וועט ער באַלוינט ווערן מיט אַן עשירות און אַנדערע גוטע השפּעות.** און 'מכלל הן אתה שומע לאו'. פון דעם קען מען שוין אַליין פאַרשטיין דעם פאַרקערטן פאל, אַז אויב מ'גיט נישט מעשר, איז מען חלילה נישט זוכה צו די שפע.

דער גאון רבי ברוך פאַייתוסי זצ"ל זאָגט אין ספר 'מקור ברוך' (געדרוקט אין יאָר תק"נ, פרשת נח, ד"ה 'וכת הקדמונים'), אַז אַ 'משפך' ('פאַנעל' בלע"ז. דאָס איז אַ ספּעציעלע כלי דורך וועלכע מ'טוט איבערגיסן פון איין כלי צו דער אַנדערער כלי. אויבן האָט עס אַ גרעסערן לאָך, און אונטן איז דאָ אַ קליין לעכל דורך וועלכן דער געטראַנק ווערט אַריבערגעגאָסן) קען אַפילו זיין געגאָסן פון ריין גאָלד, אָבער אויב די עפענונג פון אונטן איז פאַרשטאָפּט, איז אוממעגליך עס צו ניצן און מען קען גאָרנישט אַריבערגיסן

דערמיט. דאָס זעלבע קען זיין פאַרקערט, אַפילו אויב די כלי איז געמאַכט פון אַ פשוט שטיקל מעטאַל, אָבער אויב דער לאַך איז אָפן, קען מען עס ניצן געהעריג איבערצוגיסן דעם געטראַנק פון איין כלי צו דער צווייטער.

דער נמשל איז, ס'איז נישט קיין נפקא מינה וואָס דער מענטש טוט אין אַנדערע ענינים פון עבודת השם, אָבער אויב ער האָט אַן 'אָפענע טיר', צו געבן פון זיך פאַר אַנדערע מענטשן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, דעמאָלט ווערן אויסגעגאָסן אויף אים אַלע ברכות פון הימל. אָבער אויב זיין עפענונג איז פאַרשטאָפּט - ער האָט אַ 'פאַרמאַכטע האַנט', און פאַרשטייט נישט צו טיילן צדקה - איז ער נישט זוכה צו גרויסע השפעות פון הימל.

מיט דעם קען מען קלאָר פאַרשטיין דעם ענין פון געבן מעשר, ווי עס שטייט אין ספר 'דרך משה' (וואָס איז געדרוקט געוואָרן צוזאַמען מיט'ן 'ספר הגן', יום י"ט), אַז ער האָט געפרעגט פאַרשידענע פאַכלייט וועגן די דערמאַנטע כלי, און אַלע האָבן אים געזאָגט, אַז כדי דער 'פאָנעל' זאָל קענען אויפטוהן זיין פעולה, דאַרף זיין אַ לעכל פון אונטן כאָטש אַ צענטל די גרויס פונעם ברייטן 'טירל' וואָס איז דאָ אויבן, ווייל אויב עס איז קלענער ווי אַ צענטל, וועט די גאנצע פליסיגקייט אַרויסרינען פון אויבן. דאָס זעלבע איז מיט די השפעה פון רייכטום און שפע וואָס קומט אַראָפּ פון הימל. אויב דער מענטש מאַכט דאָ אונטן אַן 'עפענונג' פון אַ צענטל פונעם שפע וואָס מען גיט אים פון אויבן, דעמאלט וועט די גאַנצע שפע קענען 'אַריינרינען' אין אים, און ער וועט ווערן רייך. אָבער אויב ער פאַרשטאָפּט, אָדער ער מאַכט שמאָלער זיין 'עפענונג' צו ווייניגער ווי אַ צענטל (דאָס הייסט, ער גיט נישט אַראָפּ 'מעשר' פון זיין געלט), גייט פאַרלוירן די גאַנצע שפע וואָס מען האָט באַשטימט פאַר אים פון הימל.

## מן הבאר

די גמרא זאָגט (ב"ב ט.) 'גדול המעשה יותר מן העושה' (ב"ב ט.). דער וואָס איז גורם פאַר אַ צווייטן צו געבן צדקה, שטייט אויף אַ העכערע מדריגה ווי דער מענטש וואָס גיט דאָס געלט.

הרה"ק רבי מאיר נתן הלברשטאַם זצ"ל, אַ זון פון הייליגן צאַנזער רב בעל 'דברי חיים' זי"ע, איז ליידער נפטר געוואָרן יונגערהייט (ט"ו אב תרט"ו). נאָך זיין הסתלקות, האָט זיין ברודער, דער גאָרליצער רב זי"ע, געזען אין חלום דעם ברודער רבי מאיר נתן, ווי ער איז אָנגעטוהן מיט גאָר שיינע בגדים, אַ הערליכן הוט און שיינע בעקישע, אָבער זיינע פיס זענען געווען באָרוועס. ווען ער האָט דאָס דערציילט פאַר זיין טאַטן, דעם צאַנזער רב זי"ע, האָט דער צאַנזער רב אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ און זיך אנגערופן: 'אין משך פון זיין קורצן לעבן האָט רבי מאיר נתן געלערנט און געדאַווענט און געדינט דעם אויבערשטען, וואָס ער האָט זיך טאַקע פאַרדינט דערפאַר שיינע בכבוד'יגע מלבושים אויפ'ן עולם העליון, אָבער ער האָט נישט אָנגעיאָגט ביי זיין לעבן צו גיין מיט זיינע פיס גענוג מאָל נאָך געלט (ווייל ער איז דאָך נסתלק געוואָרן יונג), צוליב דעם האָסטו אים געזען באָרוועס.

ממילא, דאַרפן מיר זיך שטאַרקן ביים לערנען אין דער היינטיגער סדרה וועגן דער מצוה פון צדקה, צו וויסן די חשיבות פון דעם וואָס גיט צדקה, און נאָך מער פון דעם וואָס איז גורם פאַר אַנדערע מענטשן צו טיילן צדקה.

אין ספר "כתר הראש" (אָנהייב הלכות צדקה ומעשר, אות קכ"ג) ווערט געברענגט, אַז דער גאון רבי חיים וואַלאָזשינער זצ"ל האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין גרויסן רבי'ן, דעם ווילנער גאון זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט, אַז **דער מענטש וואָס היט אָפּ ריכטיג די מצוה פון 'מעשר', איז פאַרזיכערט אַז ער וועט קיינמאל נישט האָבן קיין שום שאָדן, און ווער עס פירט זיך אָפּצוגעבן אַ 'חומש'** (אַ פינפטל), **איז פאַרזיכערט אַז ער וועט ווערן רייך.** די דאָזיגע הנהגה פלאַנצט איין אינעם מענטש די מדה פון בטחון אינעם באַשעפער.

ער פירט אויס: הלוואי וואָלטן אַלע אידן אָפּגעהיטן די מצוה פון מעשר, דעמאָלס וואָלט מקוים געוואָרן דער פסוק (אין דער היינטיגער סדרה, דברים טו, ד) 'אפס כי לא יהיה בך אביון' - **עס וואָלטן נישט געווען קיין אָרימעלייט ביי אידן.**

רבי חיים וואַלאָזשינער דערציילט דאָרט (אות קכד), אַז איינמאָל האָט דער ווילנער גאון זצ"ל געהאַט אַ ספק ביי אַ סכום געלט וויפיל ער דאַרף אַראָפּגעבן דערפון פאַר מעשר, און ער האָט באַשלאָסן יענעם מאָל זיך צו פירן לקולא. גלייך דערנאָך איז זיין עמער אַריינגעפאַלן אין אַ ברונעם. האָט מען אַראָפּגעוואָרפן אַ האַק מיט העקלער, כדי אַרויפצושלעפּן פון דאָרט דעם עמער, אָבער אויך די האַק איז געבליבן ליגן אינעם ברונעם. האָט דער גר"א

אויפ'ן פעלד די מתנות פאַר די אָרימעלייט (לקט, שכחה, און פאה) טוסטו פאַרלענדן און פאַרלירן אַלע דיינע תבואות וואָס זענען געוואַקסן אינעם פעלד.

**דער** 'ספר החיים' זאָגט ווייטער, אַז דאָס איז אויך מרומז אין לשון פון דער גמרא (קידושין מז.) 'מלוה להוצאה ניתנה'. דאָס איז אַ רמז, אַז דאָס געלט וואָס דער מענטש האָט אין זיין באַזיץ, איז נישט זיין געלט, נאָר דער אויבערשטער האָט אים געשאָנקען דאָס געלט אַזוי ווי אַ 'הלוואה', און דער תכלית פונעם געלט איז 'להוצאה ניתנה' - ער זאָל אויסגעבן דאָס געלט פאַר צדקה.

**ער** שרייבט ווייטער, אַז פונקט ווי מ'דאַרף לערנען מיט די אייגענע קינדער וועגן אמונה אינעם בוכ"ע, אַזוי דאַרף מען לערנען מיט זיי וועגן די מצוה פון צדקה, ענליך ווי עס שטייט ביי אברהם אבינו ע"ה (בראשית יח, יט) 'כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה'.

**ווען** דער מענטש גיט צדקה, איז ער זוכה אַז עס ווערט געעפענט פאַר אים די טויערן פון ברכה און רווחה נישט נאָר לויט זיינע מעשים, נאָר מ'גיט אים פון הימל אַסאַך מער ווי ער פאַרדינט באמת, מיט אַ 'מתנת חינם'.

**אַזוי** שרייבט דער הייליגער קאָזשניצער מגיד זי"ע, אין זיין ספר 'עבודת ישראל' (פ' כי תשא, ד"ה 'והנותי'), אַז דער אויבערשטער ברוך הוא גיט פאַר דעם מענטש די מדה פון רחמנות, אַז דער מענטש זאָל זיך פירן מיט די מדה פון רחמים און חסד, און דורך דעם גיט ער אים פון זיין אוצר פון 'מתנת חינם' (וואָס איז גאָר אַ גרויסער אוצר), אַזוי ווי די גמרא זאָגט (שבת קנא:) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (יג, יח) 'ונתן לך רחמים'. דער אויבערשטער וועט דיר געבן די מדה פון רחמנות, און אַזוי אַרום, 'ורחמך' - וועט ער קענען רחמנות האָבן אויף דיר, עכ"ד.

**דאָס** איז אויך די כוונה פון דעם דאָפּלטן לשון, 'וחנותי את אשר אחון'. דער אויבערשטער טוט געבן פאַר דעם מענטש דעם געדאַנק און דעם רצון צו האָבן רחמנות אויף אַנדערע מענטשן, כדי ער זאָל שפּעטער קענען האָבן רחמנות אויך אויף אים.

**אנכי מצוך לאמור - צדקה מיט אַ גוט וואָרט פאַר יענעם**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (טו, י-יא) 'כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלוקיך וגו', על כן אנכי מצוך לאמור, פתוח תפתח את ידך לאחיך' וגו'.

**זאָגט** דער הייליגער רוזינער זי"ע אַז צוליב דעם האָט די תורה צוגעגעבן דאָס וואָרט 'לאמור', ווייל די גמרא זאָגט (ב"ב ט:) אַז דער מענטש וואָס גיט אַ פרוטה פאַר אַן אָרימאַן, ווערט געבענטשט מיט זעקס ברכות, און אויב ער טוט אים באַרואיגן מיט גוטע רייד, ווערט ער געבענטשט מיט עלף ברכות[יד]. און דאָס איז די

---

דעמאָלס געמאַכט אַ חשבון און איז געקומען צום אויספיר, אַז די ווערד פונעם עמער איניינעם מיט דער האַק, באַטרעפט גענוי די זעלבע סומע געלט וואָס ער האָט זיך 'געשפּאָרט' מעשר צוליב דעם ספק אויב ער איז מחויב. ער האָט גלייך אַוועקגעגעבן דאָס געלט פאַר מעשר, און תיכף דערנאָך האָט מען באַוויזן אַרויסצונעמען סיי די האַק, און סיי דעם עמער פונעם ברונעם.

**יד.** דער גאון רבי משה שטערנבוך שליט"א שרייבט (תשובות והנהגות, ח"ה, ע' תמא) אַז ער האָט געהערט פון דעם גאון דער טשעבינער רב זצ"ל, אַז ביי די ברכה וואָס דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט פאַר מקיים זיין די מצוה פון צדקה, זאָגט דער פסוק 'כי בגלל **הדבר** הזה יברכך ה' אלוקיך'. זאָגט דער טשעבינער רב, אַז 'הדבר' מיינט מען די ווערטער מיט'ן מויל. דאָס מיינט, אַז די ברכה פאַר די מצוה פון צדקה, באַקומט מען נישט פאַר'ן עצם געבן דאָס געלט צו דעם אָרימאַן, נאָר פאַר די גוטע רייד וואָס מ'טוט אים געבן און מ'איז אים מחזיק, און מ'טוט אים ערקלערן אַז ליידער קען ער אים יעצט נישט געבן מער געלט.

לויט דעם, האָט דער טשעבינער רב פאַרענטפערט די קשיא פון תוספות (ב"ב ח: ד"ה 'אכפיה'), וואָס תוספות פרעגט, ווי אַזוי קען מען צווינגען אַ מענטש צו געבן צדקה, מ'צווינגט דאָך נישט אַ מענטש מקיים צו זיין אַ מצוה וואָס דער שכר פאַר דער מצוה שטייט בפירוש אַרויסגעשריבן אין דער תורה? אָבער לויט דעם אויבן-דערמאָנטן איז פאַרענטפערט, אַז דער שכר וואָס שטייט אַרויסגעשריבן אין פסוק, איז נאָר פאַר'ן געבן דאָס געלט **בשמחה** און מיט גוטע ווערטער, אָבער דאָס וואָס מ'צווינגט דעם מענטש אויף די מצוה פון צדקה, איז נאָר פאַר די **נתינה**, און אויף דעם זאָגט טאַקע נישט דער פסוק אַ ברכה.

כוונה פונעם פסוק, אַז אויב דער אָרימאַן שעמט זיך צו נעמען צדקה, 'אנכי מצוך לאמור', זאָלסטו זאָגן פאַר דעם אָרימאַן וואָס ער שעמט זיך צו נעמען, אַז ער זאָל יעצט נעמען וויפיל ער דאַרף האָבן, און ווען דער אויבערשטער וועט אים העלפן און ער וועט האָבן מער פרנסה, וועט ער זיין דער געבער: 'פתוח תפתח את ידך לאחיך'. דו וועסט נאָך זוכה זיין צו עפענען דיין האַנט און געבן פאַר אַנדערע מענטשן. (געברענגט אין ספר 'עירין קדישין' השלם)

**דער** 'כלי יקר' זאָגט (יד, כב) אַ טעם פאַרוואָס דער פסוק האָט ביי די מצוה פון צדקה געזאָגט איבעראל אַ דאָפלטן לשון, ווי 'עשר תעשר', 'פתוח תפתח את ידך לו והעבט תעביטנו', און אויך 'נתון תתן' (פסוק י), און אויך ביי דעם שכר וואָס דער מענטש באַקומט פאַר'ן געבן צדקה, שטייט אַ דאָפלט לשון: 'כי ברך יברכך ה' אלוקיך' (פסוק ד). דאָס איז ווייל, די מצוה פון צדקה האָט צוויי וועגן ווי אַזוי עס מקיים צו זיין: דורך געבן דאָס געלט פאַר דעם אָרימאַן, און דורך אים געבן אַ גיטע געפיל מיט'ן מויל, צו אים שטאַרקן מיט גוטע ווערטער, און אים געבן דאָס געלט בסבר פנים יפות און מיט'ן גאַנצן האַרצן.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק 'פתוח תפתח', דו זאָלסט עפענען דיין האַנט, און עפענען דיין האַרץ, און דאָס זעלבע ביי אַלע ענינים פון צדקה. דער 'כלי יקר' פירט אויס: 'ועל כל אחד מאלה הקב"ה קובע לו שכר בפני עצמו לכך נאמר כי ברך יברכך' - פאַר יעדן איינעם פון די זאַכן טוט דער אויבערשטער באַצאָלן אַ באַזונדערן שכר, און וועגן דעם שטייט אַ דאָפלט לשון: 'כי ברך יברכך'.

**אַזוי** שרייבט דער 'ספר החינוך' (מצוה תעט) אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (יד, כב) 'עשר תעשר'. דו זאָלסט טוהן צדקה מיט דעם מענטש וואָס דאַרף עס האָבן, 'בשמחה ובטוב לבב'. דאָס הייסט, דו זאָלסט געבן פאַר דעם אָרימאַן געלט און אים שטאַרקן מיט אַלעם וואָס ער דאַרף האָבן צום לעבן, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (טו, ח) 'פתוח תפתח את ידך לו' וגו'.

**ער** שרייבט ווייטער: דו זאָלסט נישט טראַכטן אַז די מצוה פון צדקה איז שייך נאָר ביי אַן אָרימאַן וואָס האָט נישט קיין ברויט און קליידער, ווייל די תורה טוט איביג אויסוויילן די מצוה פון גמילות חסדים, און זי האָט אונז באַפוילן צו ערפילן דעם ווילן פון די באַשעפענישן וואָס זענען אידן, ווי ווייט מעגליך.

**דער** כלל דערפון איז, אַז יעדער איינער וואָס איז מהנה זיין חבר, סיי מיט געלט, סיי מיט שפייז אָדער אַנדערע באַדערפענישן, אָדער אַפילו מיט גוטע רייד און טרייסט ווערטער, איז עס אין דעם כלל פון צדקה, און זיין שכר איז גאָר גרויס, עכ"ל.

**אין** דער היינטיגער סדרה שטייט אין פסוק (טז, יא) 'ושמחת לפני ה' אלוקיך אתה ובנך ובתך ועבדך ואמתך והלוי אשר בשעריך, והגר והיתום והאלמנה אשר בקרבך'. דאָס מיינט, אַז מ'דאַרף געבן און פרייליך מאַכן דעם לוי און דעם גר, און דעם יתום, און די אלמנה.

---

עס ווערט געברענגט אין ספר 'פאר ישראל' (ע' תקלו), אַז אַמאָל ווען דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זצ"ל, האָט באַזוכט ביי דעם גאון רבי יחזקאל אַבראַמסקי זצ"ל, מחבר פון 'חזון יחזקאל', וועלכער האָט געוואוינט אין דער 'בית וגן' געגנט פון ירושלים, האָט הרב אַמבראַמסקי געפרעגט דעם גערער רבי'ן, פשט אינעם פסוק (פרשתינו טו, יא) 'על כן אנכי מצוך לאמור פתוח תפתח את ידך'. לכאורה איז דאָס וואָרט 'לאמור' איבעריג. האָט דער 'בית ישראל' אים געענטפערט:

- איר האָט דאָך דאָ (אין 'בית וגן') אַ 'שכן טוב'. דאָס איז דער אַמשינאָווער רבי, הרה"ק רבי מאיר'ל זצ"ל. זיין זיידע איז געווען דער אַלטער וואָרקער רבי, הרה"ק רבי יצחק'ל זי"ע, און ער האָט געטייטשט דעם פסוק אַזוי: **'לאמור', דו זאָלסט זאָגן פאַר דעם אָרימאַן.** דאָס מיינט, אַז אויסער די עצם מצוה פון געבן צדקה, האָסטו אויך אַ מצוה אים צו מחזיק זיין מיט ווערטער און אים צו זאָגן, דו זאָלסט נישט ווערן געפאַלן ביי זיך, ווייל עס איז אַ 'גלגל החוזר בעולם', און עס וועלן נאָך קומען טעג ווען דו וועסט ווערן רייך, און דו אַליין וועסט טיילן געלט פאַר אַנדערע אידן...

**פרעגט** דער גאון בעל 'כתב סופר' זצ"ל (אין ספר 'כתב סופר החדש') אַז לכאורה זענען די ווערטער 'אשר בקרבך' איבריג, ווייל עס איז דאָך פשוט אַז די דערמאנטע נצרכים געפינען זיך 'בקרבך' - צווישן דיר. צי דען וועט דיר איינפאַלן אַז מ'זאָל דאַרפן געבן צדקה פאַר איינעם וואָס וואוינט נישט צווישן דיר?!

**זאָגט** דער 'כתב סופר', אַז דער עיקר פונקט פון דער מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך', איז אַז דער מענטש זאָל זיך באַטייליגן און מיטפילן מיט זיין חבר, סיי אין זיין ווייטאָג און צער, און סיי אין זיין שמחה און הצלחה, ווייל ס'איז נישט גענוג צו געבן דאָס געלט און טוהן דעם חסד, נאָר עס דאַרף אים ווי טוהן יענעם'ס ווייטאָג, ווייל אַזוי וועט ער טוהן אַלע מעגליכע פעולות צו פאַרקלענערן יענעם'ס קרעכץ און זיין קלאָג, און צו שטאַרקן זיין צובראָכן האַרץ ווי ווייט מעגליך, און דאָס איז די כוונה פון די ווערטער 'אשר בקרבך', אַז די נצרכים זאָלן זיך גוט 'געפינען' ביי דיר אין האַרץ[טו], דורך דעם וואָס דו ביזט זיך משתתף אין זייער צער און דו קוקסט אַרויס צו דערפרייען זייערע הערצער, און מיט זייער שמחה, וועסטו זיך אויך פרייען.

**ראה אנכי נותן לפניכם היום - שבת מברכים אלול**

**אָנהייב** היינטיגע פרשה לייענען מיר (יא, כו) 'ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה[טז] וקללה'.

---

**טו.** אַ איד ביי וועמען ס'איז געבוירן געוואָרן אַ בן זכר אין אַ מזל'דיגער שעה, האָט געוואָלט אַ נאָמען געבן פאַר דעם קינד, אויף דעם נאָמען פון זיין טאַטן, וועלכער איז אַוועק פון דער וועלט ל"ע עטליכע חדשים פריער. זיין בני בית, די יולדת, האָט אָבער נישט מסכים געווען דערצו, זאָגנדיג אַז אַ קורצע צייט פריער איז נפטר געוואָרן ביי איינעם פון די שכנים (וואָס האָט געוואוינט אין זעלבן בנין) אַ קליין קינד וואָס האָט געהאַט דעם זעלבן נאָמען, און זי איז חושש אַז דער נאָמען האָט אַ 'שלעכטן מזל' ח"ו. דער מאַן האָט פרובירט מסביר זיין פאַר דער יולדת אַז דאָס איז נאַרישע דמיונות, און אַז יענער קינד האָט נישט אויסגעהויכט זיין יונגע נשמה ווייל מ'האָט אים גערופן מיט דעם נאָמען... און ס'איז אַלזאָ נישט דאָ וואָס חושש צו זיין דערויף.

די פרוי האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי איר'ס, זי איז נישט מסכים צו רופן זייער קינד מיט יענעם נאָמען. האָבן זיי באַשלאָסן בלית ברירה, אַרויפצוגיין פרעגן דעם גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, און וואָס ער וועט זיי הייסן טוהן, אַזוי וועלן זיי טוהן.

דער פאָטער איז אַריבערגעאַנגען צו רבי שלמה זלמן, און אים דערציילט דעם גאַנצן 'דין ודברים' צווישן אים און זיין ווייב, די יולדת. האָט רבי שלמה זלמן געזאָגט, אַז זיי זאָלן נישט געבן פאַר דעם קינד דעם דאָזיגן נאָמען. און ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין זיין פסק, אַז באמת איז דאָ נישט פאַרהאַן אַן אָרט חושש צו זיין, נאָר וואָס דען, אויב מ'וועט אַ נאָמען געבן פאַר דעם קינד דעם זעלבן נאָמען, איז יעדעס מאָל **ווען זייערע שכנים - די צובראָכענע עלטערן** - וועלן הערן ווי זיי רופן דאָס קינד ביים נאָמען, וועט וועלן זיי זיך דערמאָנען פון זייער אייגן קינד, און זיי וועלן האָבן דערפון גרויס צער...

פון דעם קענען מיר לערנען ווי אַזאַ גדול ווי רבי שלמה זלמן זצ"ל, האָט געטראַכט אויך וועגן די אַרומיגע מענטשן, און גע'פסק'ענט אַז מ'טאָר נישט זיין פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג נאָר מיט 'זיך' אַליין...

**טז.** דער ווילנער גאון זי"ע זאָגט (ליקוטים, געדרוקט אין סוף משניות סדר זרעים), אויפ'ן פסוק 'ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה'. דער פסוק זאָגט נישט **'נתתי'** - איך האָב געגעבן (אַ 'לשון עבר'), נאָר **'נותן'** (אַ 'לשון הוה'). אויב דער פסוק וואָלט געזאָגט 'נתתי', וואָלט מען געזאָגט אַז דער מענטש האָט די בחירה נאָר אין אָנהייב, אָבער אויב ער האָט זיך איינמאָל אויסגעוויילט צו גיין אויפ'ן שלעכטן וועג ח"ו, האָט ער שוין נישט קיין וועג אויך צוריק, אפי' אויב ער וויל פון יעצט טוישן צו גיין אויפ'ן גוט וועג. אויף דעם זאָגט דער פסוק אַ 'לשון הוה' ('נותן'), צו לערנען פאַר דעם מענטש, אַז ביז דעם סוף פון זיין לעבן האָט ער אלעמאל די ברירה אויסצוקלויבן דעם גוטן וועג.

וועט דער מענטש זאָגן: אָבער וואָס פאַר אַ האפענונג האָב איך, אויב איך האָב געזינדיגט ביז יעצט. אויך אויב איך גיי יעצט אויפ'ן גוטן וועג, וואָס וועט זיין מיט די עבירות וואָס איך האָב געזינדיגט אין דער פאַרגאַנגענהייט? אויף דעם זאָגט דער פסוק: **'היום'. דער וואָס טוט תשובה, איז אַזוי ווי אַ ניי-געבוירן קינד. ער דאַרף זיך פירן גוט פון היינט און ווייטער.** איי, וועט דער מענטש ווייטער פרעגן: וואָס טוט מען מיט'ן יצר הרע, ווי עס שטייט אין 'תנא דבי אליהו', אַז אויב דער מענטש האָט געטוהן אַן עבירה, זאָל ער זיך נישט מצטער זיין בלויז אויף די עבירה

**צדיקים** האָבן געזאָגט, אַז אין דעם פסוק איז מרומז דער גאַנצער ענין פון חודש אלול, ווי דער אַלטער סאַדיגערער רבי, הרה"ק רבי אברהם יעקב זי"ע, האָט געזאָגט, רא"ה איז ראשי תיבות **ר'אש א'לול ה'יום**, און הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין, האָט געזאָגט (׳ברכת אהרן׳, ע׳ קו), רא"ה איז ראשי תיבות **ר'אה א'לול ה'ולך**", ווייל מ'לייענט אייביג פרשת ראה ווען מ'שטייט שוין ביי דער טיר פון חודש הרחמים והסליחות - חודש אלול. (מ'לייענט פרשת ראה שבת מברכים חודש אלול - אַזוי ווי היי יאָר - אָדער שבת ראש חודש אלול).

---

וואָס ער האָט געטוהן, נאָר ער זאָל אויך האָבן צער אויף דעם וואָס די עבירה האָט געעפענט פאַר דעם יצר הרע אַ טיר, צו קענען אים איבערעדן צו טוהן אַסאַך עבירות. אויב ער וואָלט נישט געטוהן די ערשטע עבירה, וואָלט דאָך דער יצר הרע אים נישט געקענט איבעררעדן צו זינדיגן ווייטער. אויף דעם זאָגט דער אויבערשטער ווייטער: **'אנכי' - איך וועל זיין מיט דיר, און דו דאַרפסט נישט מורא האָבן פון דעם יצר הרע!** אַזוי ווי די גמרא זאָגט (קידושין ל:) אַז דער יצר הרע טוט זיך שטאַרקן יעדן טאָג אויף דעם מענטש, און דער אויבערשטער העלפט אים זיך ראַטעווען פון דעם יצר הרע. 'צופה רשע לצדיק וגו', ה' לא יעזבנו בידו'.

**יז.** מ'קען זאָגן אַ רמז אין די ווערטער פונעם 'בית אהרן', אַז ער זאָגט אַ רמז אַז רא"ה איז ראשי תיבות ר'אה א'לול ה'ולך. ער האָט געזאָגט **'הולך'**, און נישט **'הגיע'** (אַז אלול איז שוין אָנגעקומען)... דאָס איז אַ רמז אויף די באַקאַנטע ווערטער פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, וואָס ער האָט געזאָגט אויף דעם וואָס מיר זאָגן ביי קבלת שבת, 'וביום השביעי שבת וינפש', ווייל חז"ל זאָגן (ביצה טז.) אַז דאָס וואָרט 'וינפש' איז מרמז, 'כיון ששבת וי אבדה נפש' (אַז די 'נשמה יתירה' וואָס דער מענטש באַקומט יעדן שבת, גייט אַוועק פון אים נאָך שבת). דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט מען באַשטימט צו זאָגן 'וינפש' פרייטאָג צו נאַכטס. מ'וואָלט עס ענדערש געדאַרפט זאָגן מוצאי שבת, ווען די 'נשמה יתירה' פאַרלאָזט דעם מענטש.

האָט דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע געזאָגט, אַז דייקא ביים אָנהייב פונעם שבת איז מען מזרז דעם איד: **וויסן זאָלסטו, אַז ס'וועט קומען אַ מוצאי שבת, ווען דיין 'נשמה יתירה' וועט דיך איבערלאָזן**. ממילא, זאָלסטו זען גוט אויסצונוצן די צייט, ווייל באַלד וועסטו קלאָגן 'וי אבדה נפש', און דו וועסט שוין נישט קענען 'צוריקדרייען דעם זייגער'...

דאָס זעלבע קען מען זאָגן אַ רמז אין די ווערטער פונעם 'בית אהרן', 'ראה' ראשי תיבות ר'אה א'לול **ה'ולך**. די צייט שטייט נישט אויף איין אָרט, נאָר **עס גייט**... אָט האַלטן מיר שוין באַלד אי"ה ביי ראש השנה... ממילא, זאָל דער מענטש נישט זאָגן, איך וועל אָנהייבן תשובה טוהן מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן... נאָר ער זאָל שוין אָנהייב חודש איינזען און געדענקען אַז עס גייט חודש אלול, און ער וועט וויסן וואָס ער האָט צו טוהן...

אַסאַך מאָל דאַרף דער מענטש זיך פאַרנעמען מיט גשמיות'דיגע ענינים (ווען ער פאָרט אויף וואַקאַציע, אָדער ווען ער האַנדלט מיט אַנדערע באַדערפענישן), ליגט אויף אים אַ פליכט צו היטן דעם קאָפּ עס זאָל בלייבן אויפ'ן פלאַץ.

אַ איד האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ פאַר'ן קאָצקער רבי'ן זי"ע, אַז ער האָט געקויפט אַ ספּעציעלן פערד פון אַ 'מיוחס'דיגע משפחה', פאַר אַ גאָר טייערן און 'געפעפערטן' פרייז... (לויט די היינטיגע מושגים, מיינט עס אַזוי ווי אַ קאַר וואָס מ'קויפט פון אַ באַקאַנטער פירמע), און ער האָט זיך פאַרפליכטעט צו צאָלן אַסאַך געלט פאַר דעם נייעם טייערן פערד. ער האָט אָבער נישט געהאַט גענוג געלט, האָט ער גענומען הלוואות פון וועמען ער האָט נאָר געקענט, און יעצט דאַרף ער 'דרייען' צו באַצאָלן זיינע חובות. ער זעט זיך נישט אַרויס פון דעם מצב. און דער קאָפּ איז ביי אים ממש נישט אויפן פלאַץ. האָט דער קאָצקער רבי אים געזאָגט:

- נו, וואָס האָסטו געמיינט וועט פּאַסירן? אין דער רגע וואָס דו האָסט אַריינגענומען דעם פערד אין דיין קאָפּ, האָסטו פאַרוואַנדלט דיין קאָפּ אין אַ שטאַל... און ס'איז דאָך קלאָר אַז דער שטאַל קען נישט באַצאָלן דיינע חובות... נאָר איינער וואָס בלייבט אַ 'מענטש', האָט דעם שכל צו טראַכטן ווי אַזוי צו באַצאָלן די חובות, צו ערלעדיגן דאָס געלט פון דאָ און פון דאָרט, אָבער דו ביזט געבליבן אַ 'שטאַל'...

דאָס זעלבע איז מיט אונז. **ביי יעדער זאַך וואָס מיר טוען**, דאַרפן מיר אָפּהיטן אונזער קאָפּ עס זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ 'שטאַל'... אויך ווען מ'דאַרף זיך אַביסל אָפּרוען, טאָר מען נישט אַריינלייגן דעם קאָפּ דערין. דעריבער רופט מען אויס ביי קריאת שמע, 'ה' אחד', **מ'שאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף די פיר זייטן פון דער וועלט**, און מ'האָט אינזין צו קרוינען דעם אויבערשטען אַלס קעניג אויף אַלע זייטן פון דער וועלט.

**דער** פסוק לאָזט אונז וויסן דערמיט, יעצט, 30 טעג פאַר ראש השנה, ראה אנכי נותן לפניכם היום. 'היום' איז מרמז אויף ראש השנה (ווי עס שטייט אין זוה"ק). זאָגט דער באַשעפער, אין דעם טאג גיב איך אייך די ברירה פאַר אַ ברכה אָדער חלילה פאַרקערט, ווייל אין ראש השנה ווערן באַשטימט אַלע פאַסירונגען וואָס זאָלן פאַרקומען מיט'ן מענטש אין קומענדיגן יאָר הבעל"ט. ממילא, דאַרף מען זיך שוין יעצט מתבונן זיין ('ראה'), און געדענקען וועגן דעם גרויסן טאָג הבא עלינו לטובה. מ'זאָל שוין יעצט נתעורר ווערן צום גרויסן טאָג ראש השנה, און אַזוי איז מען זוכה צו אַ שנת גאולה וישועה.

**דער** פסוק זאָגט, ראה אנכי 'נותן', אַ לשון מתנה, ווי הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט, אַז חודש אלול איז אַ גוטע מתנה פאַר די אידן. די כוונה דערפון איז, סיי אויף די עצם געלעגנהייט זיך מתבונן צו זיין ווי געהעריג צום יום הדין, און זוכה זיין דורך דעם צו אַ גוט זיס יאָר, און סיי וועגן דער געהויבנקייט פון די יעצטיגע טעג, און זייער סגולה, צו ווערן דערנענטערט צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, און צו טוהן תשובה טוהן פאַר אים.

**ענליך** ברענגט דער גאון רבי חיים פאַלאַג'י זצ"ל (אין זיין ספר 'מועד לכל חי', סי' יא, אות ה) אַז עס שטייט אין ספר 'סופי ענבים', 'ראה' איז ראשי תיבות ר'אש א'לול ה'בט. מ'זאָל אָנהייבן תשובה טוהן ערב ראש חודש אלול, און נישט וואַרטן ביז יום כיפור.

**לויט** דעם, טייטשט רבי חיים פאַלאַג'י, דאָס וואָס דער פסוק הייבט אָן מיט אַ 'לשון יחיד' ('ראה'), און ער פירט אויס מיט אַ 'לשון רבים' ('לפניכם'), ווייל די גמרא זאָגט (יומא פו:) אַז אַפילו אַ יחיד וואָס טוט תשובה, ברענגט אַ רפואה און אַ ברכה אויף דער גאַנצער וועלט, און דורך דעם וואָס ער איז מקיים 'ראה אנכי נותן' - ער טוט תשובה שוין אין חודש אלול, איז ער גורם, 'לפניכם', פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז 'היום', וואָס גייט אַרויף אויף דעם טאָג פון ראש השנה, און אויך יום כיפור, זאָל מען זוכה זיין צו 'את הברכה אשר תשמעו'. א"ת איז ראשי תיבות א'לול ת'שרי[יח]. אויב דער מענטש טוט תשובה אין די יעצטיגע חדשים, איז ער זוכה צו גאָר אַסאַך ברכות, 'הבא לטהר מסייעין אותו' (שבת קד.), ער זאָל זוכה זיין צו הערן דעם אויבערשטען'ס ווערטער, און זיך צו דערנענטערן צו אים.

**דער** פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע האָט געזאָגט (אַזוי האָט דער סערעטער רבי, הרה"ק בעל 'מקור ברוך' זצ"ל, נאָכגעזאָגט אין זיין נאָמען), אויף די ווערטער וואָס לבן הארמי האָט געזאָגט צו יעקב אבינו ע"ה (בראשית לא, כט) 'יש לאל ידי לעשות עמכם רעה, ואלוקי

---

אין דעם ליגט אַ טיפע כוונה. עס קומט אונז זאָגן, אַז אויף יעדער פון די פיר זייטן ווי מ'וועט נאָר אָנקומען, (אין דער וואַקאַציע, אָדער ביי אַנדערע נסיעות, אָדער אינעם אייגענעם 'מצב רוח'...), איבעראַל זאָל מען אָפּהיטן דעם קאָפּ, עס זאָל בלייבן משועבד צום באשעפער ברוך הוא, און ער זאל נישט פאַרגעסן וואָס עס איז זיין תפקיד אויף דער וועלט.

**יח.** די בעלזער רבי'ס זי"ע פלעגן אויסלויבן דעם מנהג פון די אונגאַרישע אידן, וואָס ביים בענטשן ראש חודש אלול, האָבן זיי געזינגען דעם ניגון פון די ימים נוראים, כדי צו דערמאַנען דעם עולם אַז אָט אָט קומען שוין אָן די געבענטשטע טעג.

מ'קען עס אפשר ערקלערן, לויט ווי מ'זעט אַז ווען אַ מענטש שטעלט אָפּ זיין קאַר אינמיטן פאָרן, דרייען זיך נאָך די רעדער און פאָרן אַביסל ווייטער. אָבער אויב ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ שטאַרקן אופן (ער מאַכט וואָס מ'רופט אַ 'שאַרט סטאַפּ' בלע"ז), שטעלט זיך אָפּ די קאַר אינגאַנצן, און עס פאָרט נישט ווייטער.

דאָס זעלבע ווען עס קומט חודש אלול. אויב דער מענטש שטעלט זיך אָפּ נאָר אַביסל, גייט ער נאָך אָן מיט זיינע פריערדיגע געוואוינהייטן. אָבער אויב עס קלינגט אים שוין אין די אויערן דער נוסח פון די ימים נוראים - 'וחיל ורעדה יאחזון'... שטעלט ער זיך אָפּ אינגאַנצן, און ער זעצט נישט פאָר צו טוהן דאָס וואָס ער האָט געטוהן ביז יעצט.

אגב, ווערט געברענגט ('ביתו נאוה קודש', תשרי, ע' קמט) תשרי עמוד קמ"ט, וואָס הגה"ח ר' יאשע שטייכל זצל, מזקני חסידי בעלזא, האָט נאָכגעזאָגט, אַז דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע, האָט געזאָגט אַז אין חודש אלול דאַרף יעדער איד נתעורר ווערן צו תשובה. **אויב דער מענטש ווייסט און ער שפירט אַז ער ווערט נתעורר פון אַ ניגון פון די הייליגע טעג, דאַרף ער זען צו זינגען דעם ניגון, כדי נתעורר צו ווערן דערפון.** (יאָ, אויך פון אַ ניגון קען מען נתעורר ווערן).

אביכם אמש אמר אלי לאמור, השמר לך מדבר עם יעקב מטוב ועד רע'.

**האָט** דער בעלזער רב זי"ע געזאָגט, **'ארמי אובד אבי'** - לבן הארמי - איז מרמז אויף דעם מקטרג וואָס וויל פאַרלענדן חלילה דעם כלל ישראל, און אויף דעם האָט 'לבן' געזאָגט: 'יש בידי לעשות עמכם רעה' ח"ו, דורך די שרעקליכע קיטרוגים ה' ירחם, אָבער וואָס זאָל איך טוהן, 'ואלוקי אביכם אמש אמר אלי'. דער אויבערשטער האָט מיר געזאָגט: 'אמש'. אמ"ש איז ראשי תיבות ש'בת מ'ברכים א'לול. 'אמר אלי'. היות מיינע קינדער ווערן נתעורר צו תשובה און תיקון המעשים אין דעם שבת, ווען זיי הערן אַז עס דערנענטערן זיך די ימי הרחמים והסליחות, האָט דער אויבערשטער מיר געזאָגט: 'השמר לך מדבר עם יעקב מטוב ועד רע'. דו זאָלסט נישט וואַגן מקטרג צו זיין אויף אידישע קינדער ח"ו.

## מן הבאר

הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין, שרייבט אין אַ בריוו צו זיין זון, אַז וויבאַלד מ'טוט נישט בענטשן ראש חודש תשרי דעם שבת ביפאר ראש השנה, דאַרף מען אין זינען האָבן ביים בענטשן חודש אלול אויך אויף חודש תשרי. (געברענגט אין 'בית אהרן', קמט:)

לויט דעם נעמט אַרום אַ ציטער ווען מ'דערמאַנט זיך אַז **מ'בענטשט שוין יעצט אויך ראש חודש תשרי, ראש השנה, וואָס איז דער משפיע אויפ'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר הבעל"ט.** עס קומט אויס, אַז ווען מיר וועלן בעזרת השי"ת היינטיגן שבת בענטשן ראש חודש אלול, איז אַריינגערעכנט אין דעם דאָס גאַנצע קומענדיגע יאָר תשפ"ז הבא עלינו לטובה, און אַלעס וואָס וועט פאַסירן אין דעם יאָר.

**אַסאַך אידן האָבן איינגעפירט אַ גוטן מנהג, אַז יעדן שבת פון די פינף שבתים פון שבת מברכים אלול ביז שבת פאַר ראש השנה, זאָגט מען איין ספר תהלים, אַזוי אַז אין משך פון גאַנצן חודש זאָגט מען אויס גאַנץ ספר תהלים.**

ס'איז באַקאַנט וואָס דער גאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל שרייבט ('אור ישראל', אגרת יד) אַז ער געדענקט פון די פריערדיגע יאָרן יעדן האָט איינעם אָנגעכאַפּט אַ פחד ווען ער האָט געהערט אויסרופן אַז עס גייט חודש אלול.

אַזוי ווערט אויך דערציילט ('תולדות החפץ חיים', ע' קח) אַז אַ חשוב'ער רב האָט דערציילט, אַז ס'איז אים אַמאָל אויסגעקומען צו דאַווענען צוזאַמען מיט'ן גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, שבת מברכים החודש אלול, און ווען דער חזן האָט אָנגעהויבן זאָגן די ווערטער 'ראש חודש אלול יהיה ביום החמישי', איז דער 'חפץ חיים' געוואָרן אויפגעציטערט אין גאַנצן קערפּער, און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ גרויסן געוויין, אַזוי אַז דעם גאַנצן עולם וואָס איז געווען אָנוועזנד אין שול, האָט אַרומגענומען אַ גרויסער פחד.

אַזוי האב איך געהערט פון איינעם פון די גדולי הדור, אַז ער איז געווען אָנוועזנד ביי דער לוויה פון הגה"צ רבי דוד בהר"ן זצ"ל וואָס איז פאָרגעקומען מוצאי שבת מברכים חודש אלול. דער גאון רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל, אב"ד ירושלים, האָט אים מספיד געווען, און אין דעם הספד האָט הרב בענגיס געזאָגט, 'איך געדענק נאָך גוט ווי אין די פריערדיגע צייטן, האָט מען אַזוי שטאַרק געציטערט אין די יעצטיגע טעג, אַ שבת מברכים אלול, ווען דער חזן האָט געזאָגט הויך די ווערטער 'ראש חודש אלול יהי'', האָבן מיר געהערט שרייען פונעם עזרת נשים, 'וואַסער! וואַסער!' ווייל די נשים צדקניות האָבן דאָרט ממש גע'חלש'ט פון פחד פאַ'ן יום הדין.

לדידן ייאמר, אויך אויב מיר זענען נישט אין דער מדרגה צו חלש'ן פון פחד און שרייען 'וואַסער, וואַסער', דאַרפן מיר כאָטש אויפהערן צו שרייען 'אייז קרים'... און נאָכלויפן די תענוגים און הנאות עולם הזה.

אא"ז הרה"ק ר' משה מרדכי מלעלוב זי"ע, פלעגט שילדערן דעם פחד און יראה וואָס האָט אַרומגענומען זיין זיידן, הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאַן זי"ע אדמו"ר מלעלוב אין ירושלים, אַזוי ווייט אַז די משרתות אין הויז פלעגן אַרויספאַלן איינע אויף דער אַנדערער און זיך איבערבעטן ערב שבת מברכים חודש אלול, אַזוי ווי עס איז דער מנהג ישראל קדושים ערב יום כיפור...

**מיר** בעטן דעם אויבערשטען, הרחמן הוא ישלח לנו ישועות ונחמות, ויקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ, את אליהו הנביא, ויבשר לנו בשורות טובות[יט] במהרה בימינו אמן.

**יט.** עס איז באַקאַנט, אַז הרה"ק רבי מענדעלע וויטעפּסקער זי"ע איז צום ערשטן מאָל געקומען צום בעל שם טוב הקדוש זי"ע אין פּרשת ראה. אויך צום מעזריטשער מגיד זי"ע, איז ער צום ערשטן מאָל געקומען אין פּרשת ראה. אויך האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל אין פּרשת ראה. דער הייליגער וויטעפּסקער פלעגט טאַקע זאָגן, אַז **פּרשת ראה האָפּט ער אויף גוטע בשורות...** זאָלן מיר טאַקע אַלע זוכה זיין 'כולנו כאחד,' צו הערן און אָנזאָגן נאָר גוטע און פריילעכע בשורות, אמן כן יהי רצון.

# כי תעשה הטוב והישר בעיני ה׳

עס ווערט געברענגט אין ספר ׳אגן הסהר׳, אַז דער גאון רבי אברהם גניחובסקי זצ״ל איז אַמאָל געגאַנגען צו מבקר חולה זיין ביי איינעם פון די גדולי הדור שליט״א. ווען ער איז אָנגעקומען אין הויז פון יענעם גדול, האָט ער געהערט די גוטע בשורה, אַז דער חולה איז, ברוך השם, שוין געזונט געוואָרן. האָט רבי אברהם אים געזאָגט, אַז דאָס דערמאַנט אים אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט הרה״ק בעל ׳חידושי הרי״ם׳ זי״ע, אַז די רעביצין פלעגט זיך אייביג טענה׳ן מיט אים פאַרוואָס ער היט נישט אויף זיין געזונט, ער עסט ווייניג און כמעט וואָס ער שלאָפט נישט, ווי אַזוי וועט זיין גוף קענען אָנגיין אויף אַזאַ אופן? האָט איר היילינגער מאַן, דער ׳חידושי הרי״ם׳, איר געענטפערט: פאַרוואָס האָט דיין טאַטע מיך גענומען אַלס אַן איידים? ווייל דאָס וואָס אַ צווייטער באַווייזט צו לערנען אַ גאַנצן טאָג, באַווייז איך צו לערנען אין צוויי שעה. דאָס זעלבע טוה איך ביים שלאָף, אין דער צייט וואָס אַ צווייטער דאַרף שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט כדי צו זיין אויסגערוהט, איז גענוג פאַר מיר בלויז איין שעה...

- אָט דאָס זעלבע האָט פּאַסירט ביי אייך - האָט רבי אברהם גניחובסקי אויסגעפירט זיינע ווערטער צו יענעם גדול: דאָס וואָס עס דויערט פאַר אַ צווייטן זיך אויסצוהיילן צוויי וואָכן צייט, האָט איר באַוויזן אין בלויז צוויי טעג...

האָט יענער גדול צוריק דערציילט פאַר רבי אברהם גניחובסקי אַן ענליכע מעשה, אַז די רעביצין פון דעם גאון בעל ׳שואל ומשיב׳ זצ״ל, דער לעמבערגער רב, איז געווען גאָר אַ קלוגע פרוי, און זי האָט געהאַנדלט מיט סחורה. אַמאָל האָט זי זיך אויסגערעדט פון האַרצן פאַר איר גרויסן מאַן, דעם ׳שואל ומשיב׳, אַז עמיצער האָט איר אָפּגענאַרט אינעם געשעפט, און אַז זי האָט גרויס צער פון איר שאָדן. דער גאון האָט אויסגעהערט אירע ווערטער, אָבער געציילטע מינוטן שפּעטער, איז ער שוין ווייטער געווען אַריינגעטוהן אין לערנען, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט... האָט די רעביצין געפרעגט איר גרויסן מאַן דעם לעמבערגער רב, מיט אַ טענה: ווי אַזוי אַרט עס דיר נישט דער גרויסער שאָדן וואָס איך האָב דאָ געהאַט? ווי אַזוי קענסטו שוין ווייטער לערנען, גלייך ווי מיר וואָלטן דאָ נישט געהאַט אַ געלט שאָדן? האָט איר גרויסער מאַן, רבי יוסף שאול, איר געענטפערט:

- דיין טאַטע האָט דאָך מיך גענומען אַלס אַן איידים, ווייל דאָס וואָס אַ צווייטער מענטש באַווייזט אַדורכצולערנען אין צוויי וואָכן צייט, באַווייז איך צו לערנען אין אַ גאָר קורצער צייט. דאָס זעלבע איז מיט דעם עגמת נפש. דאָס וואָס אַ צווייטער האָט צער אויף דעם גרעסטן שאָדן, דויערט מיר עטליכע מינוט צייט, און איך האָב מיך שוין צוריקגעכאַפּט...

ווען רבי אברהם גניחובסקי איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז פון יענעם גדול, האָט ער געזאָגט, אַז די מעשה וואָס דער גאון האָט מיר דערציילט, געפעלט מיר בעסער ווי מיין מעשה מיט דעם 'חידושי הרי"ם', מיט דעם מוסר השכל וואָס שטעקט דערין. און ער האָט עס ערקלערט, ווייל באמת, איז דאָך דער 'שואל ומשיב' געווען אַריינגעטוהן אין לערנען טאָג און נאַכט, אָן אַ הפסק, אַלע זיינע יאָרן אויף דער וועלט. ער האָט ממש נישט געהאַט קיין שייכות מיט דער וועלט און אירע הנאות, ממילא, וואָלט ער געקענט ענטפערן פאַר דער רעביצין לויט זיינע השגות: וואָס האָבן מיר זיך צו קימערן איבער געלט. עס איז דאָך אַ פאַרבייגייענדיגע וועלט, און וואָס דאַרף מען מאַכן אַן עסק דערפון... 'טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף'. פאַרוואָס האָט ער איר אָבער געגעבן אַן אַנדערן ענטפער? דאָס איז דערפאַר ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויך אויב ער אַליין שפירט אַזוי, אָבער זיין רעביצין לערנט דאָך נישט די הייליגע תורה, און זי האָט נישט מיט וואָס צו שטאַרקן איר צובראָכן האַרץ, און דעריבער האָט ער געפונען אַ וועג איר צו באַרואיגן מיט אַ געהעריגן ענטפער, אַז זי זאָל פאַרשטיין פאַרוואָס עס טוט אים שוין מער נישט וויי, און דערפאַר האָט ער איר אַזוי געענטפערט.

פון די מעשה קענען מיר לערנען, אַז אויב איינער הערט וועגן אַ צווייטן וואָס געפינט זיך אין אַ קלעם ח"ו, זאָל ער נישט ענטפערן וואָס ער וואָלט געזאָגט צו זיך אַליין, אַז ס'איז גאָרנישט... פון וואָס מאַכסטו דאָ אַ גאַנצן 'עסק'... ווייל אָפט מאָל, איז אויך אויב אין זיינע אויגן ווערט דאָס נישט באַטראַכט אַלס אַ צרה, אָבער ס'איז דאָך גאַנץ מעגליך אַז ביי דעם אַנדערן איז עס יאָ אַ גרויסע צרה וואָס איז גורם אַסאַך צער ה' ירחם, דעריבער דאַרף מען פרובירן צו געפינען דעם ריכטיגן ענטפער פאַר דעם חבר, לויט ווי יענעמס שכל פאַרשטייט, מיט ווערטער וואָס וועלן אים קענען באַרואיגן און שטאַרקן זיין געמיט.

און רבי אברהם האָט צוגעגעבן: עס איז דאָך באַקאַנט, אַז אויך דער גרעסטער נאַר, איז ווען עס קומט צו זיינע אייגענע זאַכן, געפינט ער שוין דעם בעסטן און קלוגסטן וועג צו דערגרייכן וואָס ער וויל האָבן. דאָס זעלבע, אויב דער מענטש שפירט מיט אַן אמת זיין חבר'ס זאָרג, וועט ער אויך וויסן אים צו ענטפערן גענוי וואָס ער דאַרף און וויל הערן...